

שנתון ארגוני הלובלינאים בישראל ובחו"ל ✶ יערלעכע אויסגאַבע פון די לובלינער אין ישראל און אין די תפוצות

מס' 13 • חשון תשל"ט • תל־אביב • נאָוועמבער 1978 • נומער 13

בואו ל„מפגש שלום" של הלובלינאים

בעת כתיבת שורות אלה, יושבים בוושינגטון נציגי ישראל ומצרים ודנים, סעיף אחר סעיף, על חוזה־שלום בין שתי המדינות, שייחתם בוודאי בימים אלה. ניתן לתאר את השמחה וההתרוממות, אם נזכה, לאחר שלושים שנות מלחמה, טרור, שנאה, חרם ואי־אימון — לסיומו המוצלח של המשא־ומתן ולנציגים דיפלומטיים בקהיר ובירושלים, לשיתוף־פעולה כלכלי וטכנולוגי, לחילופי סחורות, תיירות ותחרויות ספורט. אנו מקווים, שהחגיגות ליום העצמאות ה־31 יעמדו בסימן של ההסכם שהושג בקמפ־דייוויד בין מנחם בגין, אנואר סאדאט וג'ימי קרטר — הסכם שנהפך כעת לחוזה חתום בין המדינה היהודית והגדולה והחשובה מבין השכנים הערביים.

לכן, יהיה זה מן היושר, שלאחר אירוע היסטורי זה, יבואו יהודי לובלין מהתפוצות לשמוח עם חוזה השלום בין ירושלים וקהיר. „מיפגש־שלום" של בני־עירנו מהגולה ומישראל יתן ביטוי הולם של סולידריות, הזדהות, אהבה, כבוד והוקרה למדינה היהודית, שסוף־סוף זכתה, יחד עם שכנתה המצרית, להפוך חרב לאֵת — לפי חזונו של הנביא ישעיהו.

הזמנתנו אליכם, יהודי לובלין, היושבים בתפוצות:

ביקרו־נא בישראל! בצוותא נחגוג את ביטול מצב הלוחמה בין מצרים וישראל, לפי שכתוב בסעיף הראשון בחוזה השלום, שהוא בשורה ותקווה, שבבוא העת, גם ירדן, סוריה ולבנון יחיו בשלום עם מדינתנו.

ואנו כאן, בישראל, נקבל אתכם בזרועות פתוחים וגיל, שהערכתם נכונה את משמעותו של ההסכם ובאתם להשתתף ב„מיפגש־שלום" של יוצאי לובלין.

התוכן • אינהאַלט

ד. ש. / פאַר אַ „שלום־צוזאַמענטרעף" (ז' 2) • ב. מינץ / מגילת החורבן (3) • נ. בלומענטאל / נוסח לובלין (6) • דב בערעזין / אין לאַגער ליפּאָווע 7 (8) • יהודה עלבערג / אין לאַגער הינטער לובלין (11) • שלמה שטאָקפיש / „פּאָלאַקן־יידן אין די יאָרן 45—1939" (12) • גיטעלע עדעלשטיין־שילדקרויט / דער יחוס־בריוו פון אונדזער היימשטאָט (14) • ד"ר אלחנן הורביץ / 1948—1648—1348 בתולדות לובלין היהודית (15) • ד"ר אלחנן האָרוויץ / 1948—1648—1348 אין דער געשיכטע פון דער יידישער לובלין (17) • מתתיהו הורן / הכנס העולמי שהיה (19) • דוד שטאָקפיש / די צען „לובלינער טעג" אין ישראל (20) • ישראל אייזענבערג / אייניקע מחשבות נאָך דעם וועלט־צוזאַמענטרעף פון די לובלינער (24) • מענדל לעווינבוים / אַ מוסר־השכל פאַר אנדערע לאַנדסמאַנשאַפטן (25) • טעשקע פאַרשטעטער־קאַרמאַן / נייטיק אַ צוזאַמענאַרבעט צווישן די לאַנדסמאַנשאַפטן (26) • משה זאַלצמאַן / פאַרשטאַרקן דעם קשר מיט מדינת ישראל (27) • סעם ברייטער / גרוסן און פאַרלאַנגען (28) • יוסף שנור / אַ דאַנק און אַנערקענונג (28) • פּראָפ' לעאָן שיפּמאַן / „אַלץ האָט געקלאַפּט ווי געהעריק" (29) • באַשלוסן און פּראָיעקטן פון דער וועלט־באַראַטונג (29) • הערי פּרוכטמאַן / אומפאַרגעסלעכע איינדרוקן (30) • אפרים איינשטיין / מחשבות נוגות על עתיד ה„לנדסמנשפטים" (31) • D. Sztokfisz / What is going to happen to our Landsmanshaften? (34) • שרהלע גאָלדאַדלער; משה זאַלצמאַן / ביי די לובלינער אין פּאַריז (35) • לזכר הנפטרים • לאָמיר זיי דערמאָנען / מענדל זינגער ז"ל — חיים מאירפעלד (87) • מיין טאַטע דער קדוש ר' בינעמל קאַצקער, ווי איך געדענק אים — משה קאָרן (38) • די לערערס רייכענשטיין — גרינשטשע און יצחק רייכענשטיין (41) • פאַר וואָס האָט מען פון אונדז אַוועקגענומען אלתר זאַבערמאַן — מרדכי לערמאַן (42) • מיט בעריש קרעמפּעל אויף פאַרשיקונג — מרדכי פּוטערמאַן (43) • צו דער פינפטער יאָרצייט נאָך ירחמיאל גאַרטענקראַט (43) • הודעה על האזכרה השנתית — מעלדונג וועגן דער יערלעכער אזכרה (44) •

teatrnn.pl

פאַר אַ „שלום־צוזאַמענטרעף“ פון לובלינער ייִדן

בעת מיר שרייבן די שורות, זיצן אין וואַשינגטאָן פאָרשטייערס פון ישראל און מצרים און באַהאַנדלען, פּונקט נאָך פּונקט, דעם שלום־אָפּמאַך צווישן ביידע מדינות, וועלכער דאַרף געחתמעט ווערן אין די איצטיקע טעג. ס'איז זיך פאַרצושטעלן די פרייד און דערהויבנקייט, אויב מיר וועלן נאָך העכער דרייסיק יאָר מלחמה, טעראָר, שנאה, בויקאָט, אומצוטרוי — זוכה זיין צו אַ דערפאָלגרייכן פינאַל פון משא־ומתן, צו אַמבאַסאַדאָרן אין ירושלים און קאַיר, צוווירטשאַפטלעכער און טעכנאָלאָגישער צוזאַמענאַרבעט, האַנדל־אויסטויש, טוריסטיק, ספּאָרט־פאַר־מעסטונגען. לאָמיר האָפן, אַז די פייערונגען לכבוד דעם 31סטן יום העצמאות פון מדינת ישראל, וועלן שטיין אונטערן צייכן פון דערגרייכטן הסכם אין קעמפּ־דייוויד צווישן מנחם בעגין, ענואַר סאַדאַט און דזשימי קאַרטער — אַ הסכם, וואָס איז איצט מגולגל געוואָרן אין אַ געחתמעטן שלום־אָפּמאַך צווישן דער ייִדישער מדינה און דעם גרעסטן און וויכטיקסטן פון אונדזערע אַראַבישע שכנים.

וואָלט געווען אַ יושר, אַז נאָך אַזאַ היסטאָרישער געשעעניש, זאָלן לובלינער ייִדן אין דער וועלט קומען אַהער זיך פרייען מיט דעם פרידנס־פּאַקט ישראל—עגיפּטן. אַזאַ „שלום־צוזאַמענטרעף“ פון די בני־עיר פון די תפוצות און פון ישראל, וועט זיין דער אַנטשפּרעכיקער אויסדרוק פון סאָלידאַריטעט, אידענטיפיצירונג, ליבשאַפט, כבוד און אַנערקענונג פאַר דער ייִדישער מדינה, וועלכע האָט ענדלעך זוכה געווען, באַזאַמען מיט איר מצרישן שכן, צו פאַרוואַנדלען די שווערד אין אַן אַקעראייזן — ווי דאָס האָט באַגערט דער נביא ישעיהו.

פאַרבעטן מיר אייך, ייִדן פון לובלין, וואָס זיצן נאָך אין די תפוצות:

וויזיטירט ישראל, כדי צוזאַמען מיט אונדז זיך משמח זיין פונעם אָפּשאַפן דעם מלחמה־צושטאַנד צווישן מצרים און דער ייִדישער מדינה, ווי עס לויטעט דער ערשטער פּונקט פונעם אונטערגעשריבענעם שלום־אָפּמאַך, וועלכער איז אויך אַן אָנזאָג און האָפענונג, אַז די אַנדערע שכנים, ווי יאָרדאַניע, סיריע און ליבאַן, וועלן מיט דער צייט ווערן שותפים צו אַ פרידלעכן צוזאַמענלעבן מיט מדינת ישראל.

און מיר דאָ, אין ישראל, וועלן אייך אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס און אויפריכטיקער פרייד, וואָס איר האָט דערשאַצט די וויכטיקייט פון הסכם און געקומען זיך באַטייליקן אין אונדזער „שלום־צוזאַמענטרעף“.

• • •

אין איצטיקן בר־מצווה נומער „קול לובלין“ האָבן מיר איינגעפּירט אַ נייעס: אַן אַרטיקל אין דער ע נ ג ל י ־ ש ע ר ש פּ ר אַ ך „וואָס וועט זיין מיט די לאַנדסמאַנשאַפטן?“, כדי אָנרעגן און באַוועגן די קינדער און אייניקלעך, אַז אויך ז י י זאָלן זיך פאַראינטערעסירן מיט דער טעמע. ווער ווייסט? אפשר וועט נאָכן אַדורכלייענען דעם מאמר, אויך ביי דעם צווייטן און דריטן דור זיך דערוועקן דאָס „פּינטעלע ייִדישע לובלין“, ווי ס'האָבן געלעבט, געקעמפט און געגלויבט זייערע זיידעס און טאַטעס. ניט אויסגעשלאָסן, אַז וועמען פון יונגן דור וועט „אַ טיאַבקע טאָן ביים האַרצן“ און זיי וועלן ממשיך זיין דעם אויפטו פון די, וואָס ווילן נישט לאָזן אין פאַרגעסנקייט די אַלטע היים. אויך אפרים איינשטיין באַרירט (אין עברית) די פראַגע לאַנדסמאַנשאַפטן.

• • •

נאָך אַ זייער לאַנגן ישוב־הדעת, האָבן מיר דאָך באַשלאָסן אַרויסצוגעבן דעם איצטיקן בר־מצווה נומער פון „קול לובלין“, הגם מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ קאָלאָסאַלער געלט־אינוועסטיציע פון איבער 20 טויזנט ל״י (אַ טויזנט צוויי הונדערט דאָלאַר בערך) — אַ סומע וועלכע האָט אַ ברירה אויסצולייִדיקן אונדזער קאַסע. מען דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז היי־יאָר איז פאָרגעקומען דער צווייטער וועלט־צוזאַמענטרעף פון די לובלינער און אין באַזיק פון רעדאַקציע האָבן זיך געפונען צענדליקער בילדער און מערער פון אַ טוץ באַגייס־טערטע אָפּרופן פון די טוריסטן־אָנטיילנעמערס אין דער געשעעניש. ווי אַזוי פאַרשווייגן דעם צוזאַמענטרעף? פאַר וואָס נישט דערציילן פון דער פרייד און הנאה פון הונדערטער לובלינער ייִדן אויף די צוזאַמענטרעפן אין תל־אביב? נאָך עפּעס: ווי אַזוי לאָזן אין פאַרגעסנקייט די קדושים פון לובלין? ווער פון קאָמיטעט וויל דאָס נעמען אויף זיך די אחריות פון לאָזן פאַרשטומט ווערן דאָס קול פון דער ייִדישער לובלין?

האָבן מיר טאַקע געוואַגט און צוגעגרייט דעם נומער 13 פון אונדזער אויסגאַבע. הגם בלויז 44 זייטן, נאָר פול מיט אינהאַלט סיי פון אַמאָליקן לובלין, סיי פון דער שואה־תקופה, סיי פון וועלט־צוזאַמענטרעף, אויסער די געוויינ־לעכע „כראָניק“ פון לובלינער אַקטיוויטעטן אין לאַנד און אין אויסלאַנד.

זאָל אייך נישט זיין קיין שאָד די 10 דאָלאַר אָדער 100 ל״י (פאַר די וואָס קענען טאַקע נישט געבן מערער!). אפשר וועט עמעץ וועלן דעקן די הוצאות, טיילווייז אָדער אין גאַנצן, פון אַרויסגעבן דעם נומער 14 — און ביי דער געלעגנהייט טאַקע אויך פאַראייביקן זיינע עלטערן אָדער אַנדערע קרובים?

• • •

אין איצטיקן נומער „קול לובלין“ זענען אָפּגעדרוקט (אויף ז' 29) די באַשלוסן און פּראָיעקטן, וועלכע זענען באַהאַנדלט געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ פון די פאָרשטייערס פון די לאַנדסמאַנשאַפטן אין ישראל און אין די תפוצות. לייענט זיי אויפמערקזאַם — און נעמט זיך צו דער אַרבעט.

לאָמיר נישט קאַפּיטולירן פאַר דער זיקנה; לאָמיר נישט אַריינפאַלן אין אַפּאַטיע צי יאוש; לאָמיר ווייטער דער־פילן אונדזערע אויפגאַבן. מיט הצלחה!

ד. ש.

מגילת החורבן של לובלין

קטעים מספר „מאיר באהבה". הספר נכתב בתל־אביב, בשנת חצר"ת ונסדר בבילגוריי, פלך לובלין, אצל ר' נטע קראנענבערג בשנת תרצ"ט, נדפס יחד עם מגילת החורבן והבקשה בשנת תש"ג, בתל־אביב, אצל יעקב משה לוריא. מגילת החורבן נכתבה בחדשים אדר א' ואדר ב' שנת תש"ג בתל־אביב ויסודה בידיעות בעלות סמך שונות שהגיעו מגיא ההריגה. הבקשה מאת רבי משה הכהן זצ"ל נדפסה לפי הספר לקורות הגזירות על ישראל מאת ח"י גורלאנד. ציור השער של הספר הועתק משער הספר משנת חכמים שנדפס באוסטרהא בשנת תקנ"ו.

פרק ב.

ויהי כאשר באו האויבים הנאצים ללובלין אימה גדולה וחשכה נפלה על כל היהודים. כי ראו כי כלתה עליהם הרעה ואין להשיב. וכבר נחתמה הגזירה להשמיד להרוג ולאבד את כל ק"ק לובלין מגדול ועד קטן טף ונשים. וכל הגזירות והרדיפות והעינויים והגירושים ומיתות המשונות שעלו על היהודים במדינת פולין, היתה לוקחת ק"ק לובלין מנה אחת אפים ובה התחילו. שהיו אומרים הנאצים לובלין היא עיר של הישיבה הגדולה ביותר באירופ"א נחריב אותה קודם ונמחה אותה מעל פני האדמה כדי שלא יזכר ולא יפקד ח"ו שם ישראל בעולם.

נתפשטו הנאצים מיד בכל העיר ברחובות ובשווקים ובבתים והיו מכים את היהודים באכזריות רבה אנשים נשים וטף זקנים עם נערים. והיו מורטים את פיאות הראש והזקן ברשעות גדולה השערות עם העור והבשר. ולוקחים שפודים של ברזל מלובנים באש ונועצים מתחת לצפרנים וצולין את הבשר החי. ומאספים יהודים רבים למאות ולאלפים ומצווים להם לרוץ במהירות גדולה ולעשות כל מיני עבודות בזויות ולהתפלש בזבל ובאשפה ובצואה. ומעבידים אותם בכל מיני עבודות קשות בפרך בלי תועלת בשבילם אלא כדי לענותם בלבד. והיו ממררים את חייהם יומם ולילה בכל מיני גזירות משונות. זקנים ונשים ענוגות היו מגלגלים אבנים כבדות ברחובות העיר. איסטניסים מאספים את הזבל ואת הצואה בכפות ידיהם והנוגשים מכים בהם בשוטים של ברזל ובקתות הרובים עד שהם נופלים ומתעלפים מרוב כאב ויסורים. והרשעים משוטטים ברחובות העיר ויורים ביהודים והורגים בהם למאות. וזורקים רבים לתוך הנהר ויורים אליהם לתוך המים. ותופסים ילדים ומנפצים את ראשיהם הרכים בקירות הבתים ובאבני הרחובות. ואת האמהות המיללות הרגו באגרופים ובחרבות ובכידונים.

ואחר כל אלה עדיין לא נמלאה סאת הדם והדמעות הכאב והצער והיסורים והעינויים של היהודים בלובלין. כי באו עליהם צרות רבות וגדולות מאלו מאה פעמים יותר! אלף פעמים יותר.

ונתנו הרשעים. עיניהם ברכושם של היהודים. והיו שודדים וגוזלים את כל טוב ק"ק לובלין. הולכים לבתים היפים ומוציאים משם כלי כסף וכלי זהב תכשיטים וכלי בדולח בגדי משי ובגדי לבן. צמר וצמר גפן בגדים וכסתות שולחנות ומנורות ארונות וכסאות. והרבה פוחזים נאצים לא היו מוציאים מהבתים את כל היקר אלא היו מגרשים משם את היהודים ולוקחים לעצמם את הכל מדבר גדול ועד דבר קטן. מחוט ועד שרוך נעל. והיו היהודים יוצאים דלים וריקים מתוך בתיהם ערומים כביום היולדם. והיו הולכים ובוכים בקרבם בלבד. כי גזרו הרשעים גם על הבכיה והזעקה. והבוכה בקול היו מכים אותו עד שהיה מלא פצעים וחבורות. או שהיה מת תחת ידם.

ונגזרה גזירה על חנויות היהודים ועל בתי מלאכתם ועל בתי חרשתם ועל כל סדנאותיהם. והסתובבו הנאצים בעגלות גדולות והוציאו את הסחורות מכל המינים מתכת ודברי רקמה וארג ומזונות וכלי סידקית משקאות וכלים. כל אשר עשו בו היהודים פרקמטיא וכל אשר עשו ויצרו בחרושת ובמלאכה. ונשארו רק חנויות קטנות ונגזרה גם עליהן גזירה לתלות במבואותיהן לוחות עם סימן מגן דוד תכלת על גבי לבן כדי שידעו השודדים ויבואו לגזול את אשר השאירו החמסנים הראשונים.

והיו הגזירות נופלות על היהודים במדינת פולין זו אחר זו במכות קשות ואכזריות אשר לא היו כמותן מיום גלות ישראל מארצו. גזירה גזרו על האומנים היהודים ועל בעלי המלאכות שלא יתעסקו באומנותם ובמלאכתם ועל הפועלים שלא יעבדו בעבודותיהם ונזרקו לחוצות ככלי אין חפץ בהם. וגזרו על היהודים שלא יצאו מפתחי בתיהם בערבים ובלילות ושלא יסעו במסילות הברזל ולא בעגלות החשמל. וגזרו עליהם שישאו על גבי בגדיהם טלאי צהוב כדי שיכירום מרחוק ויוכלו להכות אותם ולהתעלל בהם. ובלובלין נוספה עליהם עוד גזירה לברך בקידה ובהשתחוויה כל בן גרמניא שפגשו בו ברחובות העיר. והאחרון הכביד איסור חמור על כל היהודים בכל מדינות פולין אנשים ונשים להשאיר אצלם כסף במזומנים יותר מסכום קטן. והוטל עליהם להביא את כל כספם לבתי החליפין והשולחנים הנאצים לפקדון לצמיתות. והעובר על גזירה זו אחת דתו להמית.

והלכו היהודים הלוך והתרושש ונעשו עניים ואביונים. והיוקר מאמיר והרעב כבד מאד והמחלות מתרבות והקור גדול והדחק והמצוקה עלו עד לאין שיעור. ובגד אין ללבוש ולחם אין לאכול ועצים אין להסקה. ורבים מאד מתפרנסים ממכירת שארית הפליטה של כלי ביתם. ורבים אחרים מתפרנסים מהתמחוי. והאיסטניסים ואניני הדעת גוועים ברעב.

פרק ג.

בחודש השני לכניסת הנאצים לפולין המדינה עלה במחשבתו של אותו רשע היטלר ימ"ש לגרש את היהודים מכל ארצות אירופ"א ולאסוף את כולם בגליל אחד הוא גליל לובלין. אמר אותו רשע חכמיהם של ישראל נמנו וגמרו צדקה עשה הקב"ה לישראל שפזרם בין האומות. כל היהודים בפולין ובליטא ובכיהם ובאשכנז ובשאר הארצות באירופא בידי הם. אאספם בגליל אחד ואעשה בהם מה שלבי חפץ.

ויקראו כל ראשי קלגסיו של אותו רשע החושבים מחשבות כדת מה לעשות ביהודים לקראקא אל הפלטרין של ראש הסרדיוטין של הנאצים בפולין פראנק ימ"ש. ישבו כל אותו יום וכל אותו לילה וגזרו גזירות הגירושים על היהודים מכל מקומות מושבותיהם ומולדתיהם להביאם ולאספם אל גליל לובלין. ויגורו שם בצפיפות ובדוחק ובמצוקה ובבדידות גמורה בלי שום מגע ומשא עם כל שאר האומות ובפרט עם בני עם פולין הגרים מסביב. והדת ניתנה לקרוא בשם את גליל לובלין גליל יהודי ובלשון לע"ז רזרוואַ"ט יהודי.

מיד נשלחו רשעים מומחים לתחום תחומים לגליל היהודי ולהוציא ולגרש מלובלין ומכל העיירות הסמוכות את כל האוכלוסין בני פולין. אמרו הנאצים מאה רבבות פולנים גרים בתחומי הגליל נגרשם ונביא במקומם מאות רבבות יהודים מכל מדינות פולין ומכל ארצות אירופ"א.

וגורשו באותו חודש כמה אלפים יהודים מביהם ומווין לעיירות ולכפרים הסמוכים ללובלין ביד חזקה ובאכזריות גדולה בעירום ובחוסר כל. והביאו אותם בעגלות מסילות הברזל ושלחום לנפשם לכל אשר ישאון רגליהם בשדות ובכפרים נידחים ובעיירות עניות. והימים ימי חורף וגשמים קור ושלג וליהודים המגורשים אין בגדים ללבוש ואין לחם לאכול ואין קורת גג לראשם. ולא יכלו המגורשים הגולים להישאר בכפרים ובעיירות והלכו משם ללובלין רעבים ללחם וחולים בכל מיני מחלות תשושים ועייפים. אנשים נשים וטף זקנים וחלושים. ורבים מתו בדרך ואין מאסף ואין מקבר. והנשארים לאלפיהם הלכו ברגליהם כי ליהודים אסור לנסוע בעגלות. עד אשר באו ללובלין.

ונשלחו ללובלין גם הרבה אלפים שבויי מלחמה יהודים שהיו בחיילות פולין ונשבו על ידי הנאצים. והיו מביאים אותם ללובלין

ספר

מאיר באהבה

כולל תולדות חייו וסדר הסתלקותו
של רבנו הגדול

רבי מאיר שפירא זצל״ה

הנקרא מהר״ם השני מלובלין
בעל דף היומי ויה״ל
ונלוותה אליו

מגילת החורבן

בה מסופר על חורבנה של
ק״ק לובלין המעטירה

חברם יחדיו

בנימין מינץ

ונוספה עליהם לבסוף **בקשה** מאת איש
האלהים הגאון המקובל רבי **משה הכהן** זצ״ל
מגולי פולין בימי הגזירות ת״ח ות״ט

תל־אביב, תש״ג

בהוצאת המכון לתורה ולתעודה
ע״ש רבי יוסף נחמיה קורניצר זצ״ל

ופושטים מהם את בגדי הצבא ומגרשם לחוצות ולרהובות כשרק כותנות ומכנסים תחתונים לעורם.

והיתה מהומה ומנוסה גדולה בכל מדינות פולין. והתחילו הרשעים לגרש את היהודים מהרבה ק״ק אלפים ורבבות בבהלה גדולה בעינויים וביסורים. ורבים נהרגו. ולא נתנו להם הרשעים לקחת אתם למקומות גלותם מאומה. ועזבו היהודים את כל חילם ואת כל טוב ביתם אשר רכשו הם ואבותיהם ואבות אבותיהם בעמל וביגיעת כפים ביושר ובנקיון כפים. הכל עזבו להפקר ולמשיסה בידי הרשעים הנאצים. ונתפשטה השמועה ששולחים את כל היהודים לגליל לובלין. ובאמת נגזרה גזירה באותו זמן על ק״ק לובלין לבנות מיד בתי עץ לחמשים אלף יהודים מגורשים מערים אחרות. ועבדו באותה עבודה אלף ושלוש מאות פועלים יהודים.

והפולנים אשר בגליל לובלין נתקהלו ואמרו לעמוד על נפשם. ובכפר אחד קמו והרגו כמה אנשי צבא נאצים בחשבם כי באו לגרש אותם מעל אדמת אבותיהם. ונידון אותו כפר בשריפה והרשעים הרגו הרבה מבני הכפר. והיתה צעקה גדולה בכל רחבי פולין ובפרט בגליל לובלין.

ובלובלין היה הדוחק הלוך וגדל. עוד הרבה אלפים יהודים נשלחו לשם מאשכנז ומאוסטריא מביהם וממהרין ומכמה ערי פולין. ונתמלאו מהם כל בתי הכנסיות ובתי המדרשות ושאר הבתים. והיו יהודי לובלין נותנים להם את פת לחמם האחרון ומתנהגים אתם ברחמים גדולים ובאהבה רבה בעניים ובמצוקתם. ועל ידי אלפי המגורשים הרעבים והערומים למחצה עלו המצוקה והעוני בק״ק לובלין עד לאין שיעור ואף על פי כן לא נשמע קול צווחה בק״ק לובלין נגד המגורשים ועלתה אז מדת אהבת ישראל עד למדרגה העליונה.

ונתבטלה אותה גזירה של הרזרוואי״ט. כי בעת ההיא זממו הנאצים לגזור את גזירת הגיט״ו בכל ק״ק פולין ואמרו כי הגיט״ו יכלה את היהודים במהירות יותר מאשר הרזרוואי״ט. ואולם הגירושים לא נפסקו. ומפולין הגדולה ומפולין הקטנה נשלחו היהודים לכל עבר. וגם מאשכנז ומשאר מדינות אירופא שלחו את היהודים לגלילות אחרים. הרבה גזירות נגזרו אחרי זה. צרות אחרונות משכחות את הראשונות.

פרק ד.

מי כמוך חסין יה מי כמוך חסין וקשה שאתה שומע ניאוצם וגידופים של אותו אדם וכנופיתו ושותק. אי אלהימו צור חסיו בו. זה היטלר הרשע שחירף וגידף כלפי מעלה כטיטוס קודמו. מה עשה נכנס לבתי כנסיות ולבתי מדרשות הוציא מתוך ארונות הקודש את ספרי התורה הציע את היריעות וקרען וחיללן ורמסן וכסבור היה שיהרג את עצמו.

אמר היטלר הרשע לא בישראל בלבד אני לוחם אלא גם באלהי ישראל. באש דתו ובתורתו. מכאן חיזוקם מכאן כוחם. אעביר את ישראל על דתם ואבטל את תורתם. נמצא אני משמיד את מעינות עוזם והם הולכים וכלים מאליהם.

הלך וגזר על תלמוד תורה. מתחילה בלובלין ואחריה בכל פולין המדינה. היו הולכין סרדיוטים וסוגרים את הישיבות ואת בתי המדרשות ואת החדרים. ובלובלין עצמה יותר ממאה חדרים. והכרוז יוצא ומכריז מי שייתפס על תלמוד תורה המלמדין ידונו למיתה והתלמידים לצינוק ולעבודת פרך. וקול תורה זה שלא נשתתק בפולין אפילו לרגע אחד במשך דורות לא נשמע עוד ברבים ובפרהסיה בכל רחבי המדינה. ואף על פי כן היו ישראל מוסרים את נפשם ומתחבאין בעליות ובמרתפים ולומדים תורה. ותינוקות של בית רבן מרחשין פיותיהם תורה בלחש מתוך סכנת נפשות.

ובלובלין נדם קול תורה ברבים. בתי כנסיות ובתי מדרשות סגורים ואפלים. החדרים מפוזרים וישיבת חכמי לובלין מחוללת. גרו הנאצים בתוך הישיבה. חיללו את ספרי התורה ופיזרו שאר הספרים. את ארון הקודש שלחו לברלין והעמידו צלם בהיכל. פסק בה קול תורה ונשמע קול הוללות. קול רשעים בניבול פה.

היו תלמידי הישיבה הנשארים מתכנסין בחשאי ולומדים תורה מפי רבותיהם שארית הפליטה בלובלין. והיו לומדים במסירות נפש ובהתלהבות ובדביקות. רעבים וחולים. והיו מסכנין את נפשותיהם והולכין לבתי תינוקות של בית רבן ומלמדים אותם תורה כדי שלא תשתכח מישראל.

ואף על תפילה בציבור גזר ולא בבתי כנסיות בלבד אלא אפילו בשטיבלי״ך ובקלויזי״ן ואפילו במנינים חטופים. ובערים רבות בפולין שרפו את בתי הכנסיות והיו היהודים קופצים לתוך האש כדי להציל את ספרי־התורה. והנאצים ממלאים פיהם צחוק ומחרפים ומגדפים וצועקים ראו אם יושיעכם זה. ואף בסביבת לובלין נשרפו בתי כנסיות ומדרשות רבים. ונתפסו יהודים עטופים בטלית ועטורים בתפלין של יד ושל ראש. וכרכו אותם הנאצים בטליתותיהם וקשרום ברצועות התפלין והרגום במיתות משונות. ואף על פי כן היו ישראל מתפללים בציבור. מניחים תפלין וקוראים בתורה ובראש השנה תקעו בשופר. תינוקות עומדות על המשמר ומודיעות הולך סרדיוט או לאו. מעשה בקצב אחד בקראשניק הסמוכה ללובלין שתפסו אותו הנאצים כשהוא עטור בתפלין. פקדו עליו שיטיל את תפליו לתוך גל של אשפה כדי לחללם. לא רצה. הכוהו עד שזב דמו הטילוהו על הארץ ורמסוהו ברגליהם והיו מתעללים בו שעה ארוכה. לא עשה את רצונם. עד שקם אותו קצב על רגליו וקרע את כותנתו עד לבו וקרא בקול גדול הנה לבי פתוח ירו בו אני את רצונכם לא אעשה לא אחלל את שם קדשו. ירו בו הנאצים ונהרג בו במקום על קידוש השם.

וגזר גם על השחיטה לפי דיני ישראל. אותו רשע שכל עצמו לא היה אלא דם. שכל אבריו ונפשו הארורה תאבו לדם. שכל סרדיוטין וקלגסיו שפכו דם אותו רשע גזר על מצות עשה מן התורה שבאה לכפר על שפיכת דמים. שבאה לכסות על הדם הנשפך.

וביטל את בתי הדינין מישראל והיה מענה את הדיינים והרבנים ופקד למחוק את שמותיהם מספרי מקבלי השכירות שבק״ק וגזר עליהם שיהיו בכל יראה ובכל ימצא בבתי הדינים ובבתי הק״ק. ומי שיימצא אחת דתו להמית. וגזר גם על הק״ק עצמה. קהלה קדושה במלה ומבוטלה מישראל. והקים את מועצת הזקנים היהודים והעביר את הקצינים הפרנסים והאלופים של הק״ק. וגזר על הזקנים שלא יתעסקו בעניני דת ודין. והמתעסק דינו במיתה. והיו מטילים קנסות מסים וארנוניות קשים מנשוא על מועצת הזקנים. ועל ק״ק לובלין הטילו באותו זמן קנסות פעמיים. בפעם הראשונה מאתיים אלף זהובים ובפעם השניה מאתיים אלף זהובים. ולא היה לק״ק לובלין כסף במזומנים וציוו להביא שווה כסף. והביאו זקני היהודים תכשיטים וכלי כסף וכלי זהב. עד שנתמלאה תאוותם של הרשעים.

ואף על פי שגזר על בני עמו לא להתערב בזרעו של ישראל היה תופס את נשותיהם של היהודים ואת בנותיהם יפות התואר לקלון. והיו נשים ועלמות רבות מתחבאות מעין רואה כי היו תופסים אותן בחוצות ושולחין לבתי קלון. ורבות שנשבו הרגו את עצמן על קידוש השם.

מעשה בכמה ריבות שנשבו לקלון בלובלין. הוליכו אותן הרשעים לבית אחד והעלון לקומה העליונה וסגרון בחדר אחד. נזכרו אותן ריבות מה שתנא במתניתא על ארבע מאות ילדים וילדות שנשבו לקלון בזמן חורבן בית המקדש. אמרו אף הן אם אנו קופצות מתוך החלון ונהרגות אנו באות לחיי העולם הבא דכתיב אמר ה׳ מבשן אשיב אשיב ממצולות ים. טפסו על החלון וקפצו לרחובה של עיר ונהרגו על קידוש השם. ה׳ יחונן נשמותיהן. וכהנה וכהנה רבות היו אשר קידשו שם שמים ברבים. ועליהן אמר הכתוב כי עליך הורגנו כל היום נחשבנו כצאן טבחה.

וגזר גם על השבת. והיו היהודים נתפסים לעבודת פרך בשבת לאלפים ולרבבות. והרשעים מכריחים את החנוונים לפתוח את החנויות והשווקין בשבתות ובימים טובים. והיו עומדים שם היהודים לבושים בגדי שבת ופיותיהם מרחשים בתפלה ועיניהם זולגות דמעות.

ורבים מהיהודים מוסרים את נפשם על השבת. הרשעים מייסרים אותם בשוטים ובעקרבים והם אינם נשמעים להם. הצוררים יורים והורגים בהם למאות והם אינם זזים לחלל את השבת.

פרק ה.

והיו חוטפים את היהודים ברחובות ובשווקין ככלבים שוטים להעביד אותם בפרך בשבתות ובימות החול. ושולחין את הנחטפים למחנה עבודה ולמחנות עינויים שנקראו בלשון אשכנז קאנצענטרא־

(סוף בעמ׳ 13)

נוסח לובלין

נחמן בלומענטאַל
תל־אביב

וואָס איז לובלין אין דער יידישער געשיכטע? איך מיין אַז מען ווייסט היינט־צו־טאָג, בדרך־כלל, אַלץ, מער־ווייניקער. וועגן דער שטאָט האָבן געשריבן גויים און יידן פון גאָר עלטסטע צייטן ביזן כמעט סאַמען סוף. הגם, ווי מיר ווייסן, נישט אין פרט אין דער לאַנגער געשיכטע אונדזער פון דער שטאָט און סביבה, פאָדערט נאָך אויפקלערונגען. מיר זענען זיכער, אַז מיט דער צייט, וועט די פּוילישע היסטאָריאָגראַפיע, ווילנדיק נישט ווילנדיק, מוסיף זיין וואָס ס׳פעלט. מ׳דאַרף אָבער געדענקען, אַז די פּוילישע היסטאָריקער האָבן וויכטיקערע פאַר זיך פּראָבלעמען ווי דאָס יידישע פּראָבלעם, וואָס איז פאַר אונדז, יידן, פון פּוילן, דער עיקר. דאָס יידישע פּראָבלעם אין פּוילן איז געווען „ברענענדיק", ווען אין פּוילן האָבן זיך געפונען העכער דריי מיליאָן יידן און די אַנטיסעמיטן פון לאַנד האָבן כסדר אונטערגעהאַלטן דעם פּחד פאַרן יידן; „יידן רעגירן אין פּוילן", „דער גאַנצער מיטלשטאַנד זענען בלויז יידן" — אָט אַזעלכע קעפּלעך האָט מען געקאָנט לייענען כמעט יעדן טאָג. נישט נאָר אין דער אַנטיסעמיטישער פּרעסע, נאָר אַפילו די „אָביעקטיווע", דעמאָקראַטישע פּרעסע האָט נישט איינמאָל זשאָנגלירט מיט סטאַטיסטישע אָנגאָבן — און וואָס איז מער איבערצייגנדיק ווי מאַטעמאַטישע ציפערן? — און אָנגעוויזן, ווי פּוילן איז באַהערשט פון יידן: פון איין זייט — דער „יידישער קאַפּיטאַל"; פון דער צווייטער זייט — דער „יידישער אַרבעטער", וואָס גראָבט כסדר אונטער דער פּוילישער רעפּובליק, אונטערן איינפלוס און אין די אינטערעסן פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל; אַז צווישן יידישן קאַפּיטאַל און יידישן אַרבעטער איז נישטאָ קיין ווידעראַנאַנד, אַז זיי ביידע זענען אָרעמס פון איין גוף — דאָס וועלט־יידנטום. דאָס איז געווען איינע פון די חשובסטע טעזן פון אינטערנאַציאָנאַלן פאַשיזם. אַמבולטסטן האָט זיך דאָס אויסגעדריקט אין דייטשן נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם. אָבער אין יעדן לאַנד האָט דער פאַשיזם אין אייראָפּע אָנגענומען אַ נאַציאָנאַלע פאָרם. יעדע נאַציע האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון אונטער דער הערשונג פון יידנטום. דאָס האָבן די היימישע פאַשיסטן געפּרעדיקט גאַנץ אָפן פאַרן היימישן פּראָנט. פיל פון אונדז געדענקען נאָך געוויס די לאָזונג פון די פּוילישע אַנטיסעמיטן „סוווי דאָ סוועגאָ", פּוילן פאַר פּאָלאַקן! פאַר יידן איז דאָ נישטאָ קיין פּלאַץ. זיי מעגן אַפילו פאָרן קיין פּאַלעסטינע! — אויך אַזעלכע אויפשריפטן, געדענקען מיר, זענען געווען. פּאָלאַקן האָבן גאָרנישט קעגן דעם. אדרבא, די פּוילישע יידן, באַזעצנדיק זיך אין פּאַלעסטינע, וועלן שאַפן אַ גרונט פאַר פּוילן צו פאָדערן פאַר זייערע יידן אַ רעכט אויף ארץ־ישראל. דאָס איז געווען די אָפיציעלע שטעלונג פון דער פּוילישער רעגירונג.

די געשיכטע האָט אָבער אָנגענומען אַן אַנדערן אומדערוואַרטעטן פאַרלויף. דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַשיזם איז געווען אייניק אין דער שנאה צו יידן. אויף דעם געביט האָט דער היטלעריזם געהאַט גרויסע פאַרדינסטן. ער האָט געפּרעדיקט אויך פאַר די פּאָלאַקן — ווי יעדער אַנדערע נאַציע — צו באַפרייען זיך פון יידן. נאָך אין יאָר 1944 האָט ער אָרגאַניזירט אין קראָקע אַן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס קעגן יידן.

אין דעם פרט האָט זיך אין דייטשן אַנטיסעמיטיזם, פון אָנהייב ביזן סוף, גאָרנישט געענדערט. אַ באַווייז — היטלערס טעסטאַמענט, געשריבן אַ טאָג פאַר זיין זעלבסטמאָרד, אין וועלכן ער פאַרשווערט די דייטשע נאַציע אָפּצוהיטן אויף להבא די אַנטי־יידישע ראַסן־געזעצן, וואָרנדיק דאָס דייטשע פאָלק פאַרן גרעסטן שונא, וואָס דראָט אים — דעם וועלט־יידנטום. דאָס שרייבט היטלער נאָך דעם, ווי ער אַליין האָט פאַרניכטעט כמעט לחלוטין דאָס אייראָפּעיִשע יידנטום, אַ 6־7 מיליאָן יידן אין זיין איינפלוס־ספערע, וואָס האָט אַ געוויסע צייט באַהערשט אייראָפּע פון אַטלאַנטיק ביז דער וואָלגע, פון נאָרוועגן ביז איבער איטאַליע און צפון־אַפריקע.

*

אין די פּלענער און זייער רעאַליזירונג בימי היטלער, האָט לובלין געשפּילט אַ גרויסע ראָל. עפּעס האָבן די נאַציסטן, באַזונדערס די פּאַטענטירטע „יודנקענער", יאָ געוווּסט וואָס לובלין איז געווען פאַר יידן אין משך פון דורות. לויט זיי, איז לובלין געווען דאָס זיצאָרט פון דער געהיימער, שרעקלעכער מאַכט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס וועלט־יידנטום פון די עלטסטע צייטן ביז דער נייער צייט. היטלעריסטישע געלערנטע, מיט אוניווערסיטעט־דיפּלאָמען, האָבן געשריבן וועגן וועלט־פּאַרלאַמענט, העכסטן יידישן אָרגאַן, וואָס רעגירט מיט דער וועלט. זיין נאָמען: „ועד ארבע הארצות". זיי האָבן אויך געוווּסט און געשריבן וועגן דעם, וואָס לובלין איז געווען פאַר דעם היטלעריזם, אַז די שטאָט האָט געדינט ווי דאָס זיצאָרט פון דער ישיבת־חכמי לובלין. דער היטלעריזם האָט געצויגן אַ לאַנגע קייט — פון ועד ארבע הארצות, ביז דער נייצייטיקער ישיבה. אַ קייט אָן איבעררייסן. צווישן אַנדערן דריקט זיך אויס די הערשאַפט אין דעם, וואָס קיין שום ייד קען נישט ווערן רב אין אַ יידישער קהילה אויף דער וועלט, אויב ער האָט נישט געענדיקט די לובלינער ישיבה. די ישיבה איז דער קאָנקרעטער צענטער פון דער יידישער וועלט־הערשאַפט.

איז טאַקע פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס דער היטלעריזם האָט סטראַטעגיש אַדורכגעקלערט און אַדורכגעפירט פון אָנהייב זיין גרעסטן קאַמף קעגן די יידן פון לובלין. פאַרניכטנדיק דעם צענטער, וועט אים שוין לייכט זיין דערנאָך צו דערפירן די אַרבעט ביזן סוף, צעשלאָגן דעם רעשט יידנטום אָן שום ווידערשטאַנד. די סטראַטעגיע האָט היטלער אַדורכגעפירט מיט דערפאָלג אין אייראָפּע.

ובכן, לובלין מוז ליקווידירט ווערן. דאָס איז קלאָר! נאָר דאָס דאַרף געמאַכט ווערן שטיל, די יידן זאָלן זיך נישט דערוויסן פריער. אויך נישט די דרויסנדיקע וועלט. מען איז נישט איינגאַנצן זיכער וויאַזוי די וועלט וועט רעאַגירן. נעמט מען דערצו די „בעסטע" מענטשן: אַלס שעף פון דער ס.ס. און פּאָליציי אין דיסטריקט לובלין, ווערט געשיקט אָבילאָ גלאָבאָטשניק. וואָס ער האָט אָפּגעטאָן ווי אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט, האָט ער נאָך באַוויזן פאַר דער מלחמה, זייענדיק גאַולייטער אין ווין. אים האָט געהאַט אַ טובה געטאָן דער רייכספירער פון דער ס.ס., הימלער אַליין. ער האָט גלאָבאָטשניקן אַמאָל באַפרייט פון תפיסה. פּאַוואָריזירט איז ער געוואָרן נישט צוליב אידעאָלאָגישע אַנשויונגען, ניין. ער איז פּשוט פאַראורטיילט געוואָרן פאַר מאָרד, געלט־מאַלווערסאַציעס (שיכרות אַליין איז נישט קיין פאַרברעכן). אים האָט אַ טובה געטאָן הימלער, באַפרייענדיק אים פון אַלע באַשולדיקונגען און דערמיט האָט ער אים אָפּגעקויפט און פאַרפליכטעט צו דינען ביזן טויט אַריין, בפרט, אַז גלאָבאָטשניק אַליין איז נתעלה געוואָרן, געפירט זיך אין לובלין ווי אַ געקרוינטער הערשער.

עס האָט מיר אַמאָל דערציילט דער לובלינער תושב, ש. טורקעלטאַוב ז״ל, אַז ער האָט געהאַט די „זכיה" פּערזענלעך פאָרגעשטעלט צו ווערן פאַרן „שעף". האָט ער, גלאָבאָטשניק, אַפילו דעם קאָפּ אין זיין ריכטונג נישט געוואָלט אויסדרייען — ער פאַרטראָגט נישט פּרינציפּיעל קיין

יידן פאַר זיך. און גערעדט האָט ער צו טורקעלטאַובן „הער יודע". און גלאָבאָטשניק, דער אַליינהערשער איבער די יידן, נישט נאָר פון לובלין, נאָר איבערן גאַנצן גענעראַל־גוווערנעמענט, האָט געהאַט איבער זיך דעם באַרימטן היידריכן. אויך ער איז געווען טריי איבערגעגעבן דער נאַציסטישער אידעאָלאָגיע און דעם פירער. אויך אים האָט דער רייכספירער געטאָן אַ טובה און אָפּגעקויפט אויף אייביק. היידריך איז צוריק מיט יאָרן באַפרייט געוואָרן פון מיליטער־דינסט. ער איז געווען אַ נידעריקער אָפיציר אין דייטשן קריגס־פלאָט. אָט די צוויי זענען געוואָרן די העכסטע פון יידנטום בימי היטלער אין אָנהייב פון דער גרויסער אייראָפּעיִשער אַקציע, און דווקא אין לובלין.

נאָך אַ לאַנגן צוגרייטן זיך טעאָרעטיש, נאָך פון פאַרן איבערנעמען די מאַכט, איז געקומען דער מאָמענט, מיטן אויסברוך פון וועלט־קריג, דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, אויסצופּרובירן די טעאָריעס אין דער פּראַקטיק. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן יורידישע באַגרענעצונגען, פון צופּאַסן די טעאָריע צום לעבן, צו פּראַקטישע מעשים: געטאָס, אויסהונגערן און אָפּשוואַכן די יידן — ביז דער גרויסער אויסזידלונג פון יידן פון לובלין. דאָ האָט זיך שוין נישט געהאַנדלט אין יחידים, וואָס האָבן זיך „פאַרזינדיקט" און באַשטראָפט געוואָרן על פּי ה„געזעץ". געבעלס האָט כסדר געפּרעדיקט, אַז דאָס דריטע רייך איז אַ „רעכטס־שטאַט, אַז אָן אַ געזעצלעכן יסוד („גרונדלאַגע"), פאַלט אַפילו אַ יידן אַ האָר פון קאָפּ נישט אַראָפּ". אַפילו די איצטיקע גרויסע אויסזידלונג איז אַ לעגאַלע, געזעצלעכע. פאַראָרדענונגען פון דער מאַכט, מיט סטעמפּלען און אונטערשריפטן אַדורכצופירן אַרבעט־באַזעצונגען לטובת דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג און די יידן גופא. ווייל וואָס פאַראַ מענטשן קאָנען אַרויסוואַקסן אין געטאָ? זאָגט אַליין!

און אַזוי האָט מען אַ פּאָר צענדליק טויזנט יידן אַרויסגעשיקט פון לובלין. נאָך אַ האַלב יאָר בערך נאָך דער אויסזידלונג, פרעגט אָן דער פאָרזיצער פון יודענראַט, אַדוו' ד"ר אַלטען, ביי דער יידישער סאָציאַלער הילף אין קראָקע, וווּהין האָט מען פאַרשיקט די לובלינער יידן און וואָס טוען זיי דאָרט? די לאָקאַלע דייטשע מאַכט קאָן נישט געבן דערויף קיין ענטפער. זאָלן זיי אין קראָקע ביי דער רעגירונג אָנפרעגן. אַ צענטראַלע מאַכט ווייסט זיכער אַלץ גענוי. אַלטען ווייסט וואָס דאָס איז. ער האָט דאָך שטודירט אויף אַ דייטשער אוניווערסיטעט. בשעת ער, אַלטען, פרעגט זיך אַזוי נאָך וועגן זיינע יידן, ווייסט מען שוין, למשל, אין וואַרשע, אַז די יידן פון לובלין לעבן שוין נישט. עס גייט נאָר אָן אַ פּלוגתא, ווי אַזוי האָט מען זיי אומגעבראַכט? די אומזיכערקייט האָט געדויערט ביזן באַפרייען דאָס געביט דורך דער רויטער אַרמיי אין מיטן 1944.

פאַר די יידן אין וואַרשע, דאָס גרעסטע געטאָ „אים אָסטען", איז לובלין געוואָרן אַן אָנזאָג און אַ וואָרענונג. לובלין איז געוואָרן אַ שרעק־וואָרט. מ'האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָס ס'געשעט דאָרט, קאָן זיך טרעפן אין יעדן אַנדערן ישוב, אַז לובלין איז נישט קיין עפּיזאָדע, קיין צופאַל, נייערט אַ סיסטעם. שרייבער פון יענער צייט שרייבן אין וואַרשעווער געטאָ: זיי האָבן יאָ געוווּסט פון אַנדערע מעטאָדן פון אומברענגען יידן אין אַנדערע ראַיאָנען: כעלמנאָ, וואַרטעגאַו, (פון דעצעמבער 1940) און פון דער אָריגינעלער מעטאָדע וואָס איז אָנגעווענדט געוואָרן אין לובלין. יידן אין וואַרשע האָבן אָנגעווענדט דעם ספּעציפישן טערמין „נוסח לובלין"...

דער ערשטער וואָס טוט דאָס בכתב, אויף ווי ווייט מיר ווייסן, איז געווען הרב שמעון הובערבאַנד אין אַן אַרבעט „די כאַפּעריי פון יידן אין וואַרשע אין מאַי 1942", ער שרייבט: „מ'שמועסט, עס וועט זיין סתם אַ כאַפּעריי צום אָבוז; אַנדערע האָבן געזאָגט אַז עס וועט זיין אַבלאַווע און די געכאַפּטע יידן וועט מען אַוועקשיקן **על פּי נוסח לובלין"**. (רינגעלבלום־אַרכיוו נר' 446). און פּרץ אָפּאָטשינסקי, אין זיין נאָטיץ פון 4.11.42 גיט אָן, אַז דער גירוש אין קראָקע (28.10.42) איז דורכגעפירט **„על פּי נוסח לובלין"** (רינגעלבלום אַרכיוו). הרב הובערבאַנד איז געווען באַהאַוונט אין „נוסח לובלין". דאָס איז אַ נוסח פון לערנען (תורה); דאָס איז אַ נוסח אין חסידות — משפּחה אייגער א.א.וו. — דאָס מאָל האָט דער געלערנטער רב אָנגעווענדט דעם טערמין צו אַ נייער שיטה אין „לערנען יודען־קענטעניס" אין איר פּראַקטישער אָנווענדונג: יודען־פאַרניכטונג.

✶

פּאָסט סקריפּטום: ווען איך בין געווען אין יאָר 1947 אין תל־אביב, האָב איך אויף אַ בערגל, אויף רחוב עליה, געזען אַ צריף, אַן אַלטן און אָפּגענוצטן, מיט אַ שילדל „חסידי לובלין". דער צריף איז שוין פון לאַנג פאַרשוווּנדן. דאָס בערגל איז אויסגעגלייכט און פאַרבויט געוואָרן מיט הייזער. צי ווייסט עמעץ וואָס איז געשען מיטן לובלינער קלויזל אין תל־אביב?,

יאָר־איין יאָר־אויס קומען זיך צונויף לובלינער יידן ביים דענקמאָל לזכר די קדושים פון לובלין און מיידאַנעק, אויפן בית הקברות אין נחלת־יצחק. אויפן בילד: יזכור־אַקט ביי דער מצבה, מיטן אָנטייל פון אַ סך געסט פון אויסלאַנד, אין די ראַמען פון 2טן וועלט־צוזאַמענטרעף.

דב בערעזין

אין לאַגער ליפּאָווע 7

(דערציילונג פון אַ קריגס־געפאַנגענעם און פּאַרטיזאַנער)

איך שטאַם פון ניעסוויזש, פון וואַנען איך בין אַוועק אין 39סטן יאָר דינען אין פּוילישן מיליטער. אָפּדינענדיק 5 חדשים אין גרודזשאָנדז, אין 64סטן פּאָלק פּיעכאָטע, האָט אויסגעבראָכן די קריג.

אין קוטנע בין איך אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. מען האָט אונדז אַלעמען קאָנצענטרירט אין אַ הויף. אָפּזייענדיק דאָרטן אַ 6 טעג, האָט מען אונדז אַלעמען גענומען קיין דייטשלאַנד. דעם טראַנספּאָרט, ווו איך בין געווען, האָט מען אַראָפּגעלאָזן אין העמער און דאָרטן האָט מען אויסגעשטעלט באַזונדער יידן, פּאָליאַקן, ווייסרוסן און אוקראַינער.

אָנקומענדיק אין דעם לאַגער סקאַרזשיסקאָ, האָט מען אַלעמען געשיקט צו דער אַרבעט, נאָר יידן זענען געווען באַשעפטיקט אויפן אָרט ביי פּאַרשיידנאַרטיקע שמוציקע אַרבעטן אויף צו דערנידעריקן און באַליידיקן. אָפּזייענדיק עטלעכע וואָכן אין דעם לאַגער, האָט מען בלויז יידן אַרויסגעשיקט אויף אַ פּלאַצוווקע, ווו מען האָט אָנגעהויבן צו פּלאַסטערן שאָסייען. מיר האָבן געקראָגן 200 גראַם ברויט און אַ האַלבן ליטער זופּ, אין דערפרי און ביינאַכט — שוואַרצע קאַווע. מיט דעם האָבן מיר געלעבט עטלעכע וואָכן, ביז וואַנען איך בין אָנגעקומען אין לובלין.

אויף דער באַן־סטאַציע האָט מען אונדז ניט אויסגעלאָדן. מיר זענען אָנגעקומען 10 ביינאַכט און מען האָט אונדז געהאַלטן ביז אין דער פרי. פאַרטאָג האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן ס.ס. באַנדיטן אַרום דעם עשאַלאָן מיט וועלכן מיר זענען אָנגעקומען און אונדז אַוועקגעפירט אויף ליפּאָווע גאַס אין לאַגער. ס׳איז אַרויסגעקומען דער שאַרפירער שראַם. קאָמענדאַנט איז געווען דאָלף, אַ נידעריקער דייטש, איינער פון די גרעסטע סאַדיסטן. צו אים איז געווען איינער מאָרפינקל, און נאָך איינער — רידל, ווי אויך צוויי יידן געבוירענע אין דייטשלאַנד: איינער האָט געהייסן פּראָפעסאָר דוד און איינער סימאָן.

מען האָט אונדז באַפוילן אַרויסצוגיין פון די וואַגאָנען. מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט און דער מערדער רידל האָט גלייך געפרעגט: „ווער קען דייטש?" ס׳זענען אַרויסגעגאַנגען אונדזערע חברים, פון די געפאַנגענע, וואָס האָבן געקענט דייטש. ער האָט זיי עפּעס געזאָגט אין דייטש און זיי האָבן איבערגעגעבן אין יידיש, אַז מיר קומען איצט אַריין אין לאַגער, דאָרטן וועלן מיר אַרבעטן און קריגן צו עסן. נאָר אויב עס וועט ווער אַנטלויפן — וועט יעדער דריטער ווערן דערשאָסן. מען האָט אונדז אויסגעשטעלט צו פינף אין אַ ריי און צוגעפירט צו דעם לאַגער.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין לובלין, האָט מען די געפאַנגענע צוגעפירט צו דער יידישער באָד. מיר זענען אַריינגעגאַנגען זיך וואַשן און די ס.ס.־לייט האָבן אָנגעטריבן יידישע מיידלעך, אַז זיי זאָלן אונדז וואַשן. דעם ערשטן מאָל וואָס איך האָב אַזעלכעס דורכגעמאַכט אין מיין לעבן. אין די גאַסן האָט מען געזען יידן — ווי לעבעדיקע מתים זענען זיי אַרומגעגאַנגען. ראשית כל, האָט אַ ייד ניט געטאָרט גיין אויפן טראָטואַר, יעדער איינער, ווער עס האָט געוואָלט, האָט געשלאָגן דעם ייד, אַפילו אים געהרגעט. די הפקרות איז געווען גרויס. פון טאָג צו טאָג איז געוואָרן ערגער. די דייטשן פלעגן כמעט אַלע נאַכט אַדורכפירן אַבלאַוועס. אַריינגיין אין די הייזער און אַרויסנעמען אַלצדינג. צו דעם האָבן אויך יידישע אונטערוועלטניקעס צוגעהאָלפן. זיי האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן איבערלעבן די קריג. ס׳איז געווען איינער שאַמע גרייער — ווער האָט ניט געהערט פון אים?! איך, אַלס קריגס־געפאַנגענער, פלעג אַרויסגיין אין גאַס און דאָס אַלצדינג צוזען — האָט מיר דאָס האַרץ ווי געטאָן.

דער לאַגער איז געשטאַנען כמעט אין צענטער פון לובלין, נישט ווייט פון קריסטלעכן בית־עלמין. באַראַקן און נאַרעס זענען געווען דאָרטן. מיר האָבן באַלאַנגט צו דער ווערמאַכט, אפשר דערפאַר האָט מען אונדז ניט געשלאָגן, אָבער אַרבעט האָט מען אונדז געגעבן די שווערסטע און שמוציקסטע.

אין דעם לאַגער ווו מיר זענען געווען, האָט מען נישט ווייט פון אונדז אָנגעהויבן בויען מיידאַנעק. ס׳איז געווען אַזוי: אין אַ פאָרשטאָט פון לובלין, איז געשטאַנען אַ צעגעלניע און פוןביידע זייטן זענען געווען בערג. מיר האָבן געדאַרפט אויסגלייכן ביידע בערג, כדי אויפצובויען דעם לאַגער. מען האָט געמאַכט נאָסילקעס פון ברעטער, וועלכע צוויי פלעגן טראָגן, איינער פון פאָרנט, איינער פון אונטן. אַזוי איז געגאַנגען אַ ריי פון עטלעכע הונדערט מענטשן, אַרויף און אַראָפּ. במשך אַ קורצע צייט, האָט מען געזען ווי דער באַרג ווערט קלענער און גלייכט זיך אויס מיטן באָדן.

אַזוי זענען אַוועק עטלעכע וואָכן, ביז וואַנען איינער פון אונדז איז אַנטלאָפן — ער האָט געהייסן באַראָן. מען האָט אַלע אַריינגעפירט צוריק אין לאַגער, אויסגעשטעלט צענטלעך — און יעדן צענטן אַרויסגענומען פון דער ריי, אים אַריינגעזעצט אין אַזאַ קעלער, וואָס האָט באַטייט אַז מען וועט אים הענגען אָדער שיסן. אָבער מיר זענען נאָר אָפּגעקומען מיט קלעפּ — מען האָט אונדז גוט צעשלאָגן און נישט געשאָסן.

שפּעטער איז געווען נאָך אַ פאַל, וואָס עטלעכע זענען אַנטלאָפן פון לאַגער. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכע נאַכט. מען האָט אויסגעשטעלט רייען אין יעדן באַראַק און געהייסן אַרויסגיין. ביים טיר זענען געשטאַנען ס.ס.־לייט און מען האָט געקלאַפּט מיט שטעקנס. נישט איינער איז פון די קלעפּ געהרגעט געוואָרן. דאָס איז געווען אַ ווינטערדיקע נאַכט — און מען האָט אונדז געהייסן זיך אויסשטעלן באָרוועסע אויפן שניי, די הענט אין דער הויך. אַזוי זענען מיר געשטאַנען עטלעכע שעה, ביז ס׳איז געקומען אַ באַפעל אַריינגיין צוריק אין לאַגער. נאָך דעם אַפּעל זענען געווען עטלעכע געהרגעטע און זייער אַ סך קראַנקע. אויף מאָרגן אינדערפרי איז מען צוריק אַוועק צו דער אַרבעט.

אָפּאַרבעטנדיק נאָך עטלעכע וואָכן, איז געווען אַ פאַל, וואָס איינער איז אַנטלאָפן און מען האָט אים געבראַכט צוריק. איך ווייס נישט ווי אַזוי מען האָט זיך דערוווסט, אַז ער געפינט זיך אין וולאָדאַווע. מען האָט אים אַזוי געשלאָגן, אַז ער איז געלעגן אַ וואָך צייט, צי מער, אין „איזבאַ כאָריך" אין לאַגער, דערנאָך האָט מען אים גענומען צוריק צו דער אַרבעט.

איינער אַ ס.ס.־מאַן אַ סאַדיסט, האָט אים אַוועקגעשטעלט אין קיך ביים קעסל, ווו ער האָט אָפּגעאַרבעט איין טאָג און אויפן צווייטן טאָג האָט ער געהייסן ברענגען וואַסער. גייענדיק מיט די צוויי עמערס, האָט ער אים געשאָסן.

געווען אַ פאַל, ווען געפאַנגענע זענען געגאַנגען צוזאַמען מיט ס.ס.־לייט נעמען ביי יידן וואַרעמע זאַכן פאַר די סאָלדאַטן אויפן פראָנט. ווייזט אויס, אַז איינער האָט געגנבעט אַ סוועדערל און אים אָנגעטאָן — האָט אים דער דייטש געהרגעט.

ס׳זענען געווען אין לאַגער עטלעכע שוסטערס, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט אָפיצערסקע שטיוול פאַר די ס.ס. האָט ווער פון די שוסטערס צוגענומען אַ פּאָר שטיוול. ווען מיר זענען געקומען צוריק פון דער אַרבעט, האָט מען איינעם פון די שוסטערס געהאַנגען.

עס זענען געווען פאַרשיידנאַרטיקע אַרבעטן: בעסערע פּלאַצוווקעס, ווו מען האָט געקענט גוט אָפּעסן און אפשר נאָך אַריינברענגען אַ פּאָר זלאָטעס. דאַקעגן די וואָס זענען געגאַנגען אַרבעטן אין מיידאַנעק, ווען מען האָט אָנגעפאַנגען בויען דעם לאַגער, האָבן גאָרנישט ניט געהאַט. אַזוי איז זיך געגאַנגען אונדזער לאַגער־לעבן, ביז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די קריג מיט רוסלאַנד.

פון איין זייט האָט מען געזאָגט, אַז די רוסן זענען שוין אין פראַג, ווייל 4 צי 5 טעג האָט מען גאָרנישט געוווסט און געהערט. אין איין שיינעם טאָג איז גאַנץ לובלין, מיט אונדזער לאַגער, באַמאָלן געוואָרן מיטן אות V — דער זיג פון דייטשלאַנד. דאַן האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז דער דייטש האָט פאַרנומען מינסק און

ער גייט פאָרויס. די לאַגע האָט זיך פאַר אונדז אַ סך פאַרערגערט.

פריער האָט מען געמיינט, אַז ס'וועט אויסברעכן אַ קריג מיט רוסלאַנד, וועלן מיר אפשר באַפרייט ווערן. אַ געוויסן טאָג האָט מען מיך מיט נאָך עטלעכע חברים אַרויסגענומען צו אַרבעטן אין שפּיטאָל, ס'איז געווען זייער אַ גוטע אַרבעט, ווייל אין שפּיטאָל איז געווען וואָס צו עסן. דאָס שפּיטאָל איז אויך געווען דער אָנהייב צו העלפן און צו ראַטעווען נאָך חברים.

אונדזער אַרבעט איז באַשטאַנען אין דעם, אַז עס פלעגט אָנקומען אַ טראַנספּאָרט פאַרווונדעטע, האָבן מיר אים באַדאַרפט אויסלאָדן און אַריינפירן אין שפּיטאָל, אויסבאָדן די שווער פאַרווונדעטע, איבערבאַנדאַזשירן און אַוועקשיקן קיין דייטשלאַנד; די לייכט פאַרווונדעטע פלעגט מען איבערלאָזן — און נאָך אַ חודש צי ווייניקער, פלעגן זיי ווערן צוריק געשיקט אויפן פראָנט.

איך בין צופעליק באַשטימט געוואָרן אַלס מאַגאַזינער אויף אָפּנעמען ביי זיי און צוריקגעבן די זאַכן.

דאָס שפּיטאָל איז טאַקע געווען פון דער ווערמאַכט, אָבער אויך זיי זענען געווען דייטשן — ימח שמם. דאָך האָט מען געקענט ריידן פרייער אַ וואָרט, עסן האָט אונדז נישט געפעלט. מיר האָבן אויך געהאַט אַ גוטן שעף, וועלכער האָט אויסגעאַרבעט, אַז מיר זאָלן קענען דאָרטן בלייבן, נישט אומקערן זיך אויף ביינאַכט אין לאַגער. אַלס מאַגאַזינער פלעג איך פירן די וועש אין דער וועשעריי. איך האָב באַקומען אַ שיַין, אַז איך מעג גיין טאָג און נאַכט, קיינער טאָר מיך נישט פאַרטשעפּען.

אין אַ געוויסן טאָג האָט מען געבראַכט עטלעכע געהרגעטע דייטשן. מען האָט צווישן זיך גערעדט, אַז פּאַרטיזאַנער האָבן זיי אַוועקגעלייגט. האָט זיך דעמאָלט פאַרגנבעט אין מיר אַ געדאַנק: „פּאַרטיזאַנער — ווי קען מען צו זיי אַנטלויפן? ווי אַזוי באַקומען אַ קאָנטאַקט?" איך האָב זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן, ביז ס'איז אין אַ שיינעם טאָג אַנטלאָפן פון אונדזער לאַגער 15 צי 17 אונדזערע חברים. זייער אָנפירער איז געווען קאַגאַנאָוויטש. (פון די וואָס האָבן דורכגעלעבט פון דער ערשטער גרופּע, געפינען זיך איצט גרובער און פינקעל — אין אַמעריקע. אין ישראל איז דאָ טשאַרנע — אַ לאַכעוויטשער, און אייזענבערג. דאָס זענען די פינף, וואָס האָבן איבערגעלעבט פון דער ערשטער גרופּע).

ווי אַזוי איז פאָרגעקומען דאָס אַנטלויפן? קאַגאַנאָוויטש האָט געטראָפן אַ קריסט פון באַראַנאָוויטש, וואָס האָט זיך מיט אים צונויפגערעדט, אַז ס'איז דאָ אַ קאָנטאַקט מיט פּאַרטיזאַנער. זאָלן זיי אים געבן געלט, וועט ער שאַפן געווער. זיי האָבן געאַרבעט אויף פּלאַצוווקעס, ווו מען האָט געקענט מאַכן געלט. זיי האָבן געגעבן דעם קריסט אַ סומע, נאָר ווען זיי זענען געקומען אין וואַלד, איז מען געבליבן שטיין אָן גאָרנישט. דער פּאָלאַק האָט צוגענומען דאָס געלט און קיין געווער נישט געגעבן, נאָר אַ פּיסטאָלעט. מיט דעם פלעגט איינער אַריינגיין צו אַ פּויער שאַפן עפּעס עסן און די אַנדערע זענען געשטאַנען אויף וואַך אין דרויסן, באַוואָפנט מיט שטעקנס.

אַ געוויסן טאָג איז געקומען צו מיר פינקעל (היינט אין אַמעריקע) מיט אַ צעטעלע פון קאַגאַנאָוויטשן, וואָס שרייבט די ווערטער: „אונדזער גורל איז אין דיינע הענט, דו ווייסט וואָס אונדז דערוואַרט, אויב מיר זאָלן קומען צוריק אין לאַגער. ראַטעווע אונדז!" ווי אַן אַרבעטער אין שפּיטאָל, האָב איך אים צוגענומען, דאָרטן איז געווען אַ קעלער, ווו כ'האָב אים אַריינגעזעצט. אין משך פון טאָג האָב איך אים באַזוכט. 2 אַ זייגער ביינאַכט האָב איך פאַרלאָדעוועט 12 ביקסן מיט פּאַטראָנעס, וועש, מונדירן — און דאָס אַראָפּגעטראָגן אונטן, ווו אַ וואַרטאָווניק איז געשטאַנען און געגאַנגען הין און צוריק. איך בין צוגעקומען צו אים און געזאָגט:

— גיי נעם אַ דראָזשקע. פאָר אין דער שעה פאַרביי דעם שפּיטאָל און איך וועל דיר געבן וואָס איך קען.

און אַזוי איז געווען. ער איז צוגעפאָרן מיט דער דראָזשקע, איך בין צוגעגאַנגען צום דייטש, וואָס איז געשטאַנען אויפן פּאָסטן און אים געזאָגט:

— הער זיך איין. גיי אַריין אין קאַנטינע, דאָרט ליגט פאַר דיר אַ פּעקעלע.

ער איז אַראָפּגעגאַנגען, איך האָב אַלץ אַרויסגעטראָגן און אַרויפגעלייגט אויף דער דראָזשקע. ער איז דורכגעפאָרן די קראָקאָווער פאָרשטאָט גאַס אין לובלין. דאָס שפּיטאָל איז געווען נעבן די קאַשאַרן פון 8טן פּאָלק. אַזוי ווי איך האָב אַרויפגעלייגט דאָס געווער, בין איך אַוועק אויפן צווייטן זייט און אָבסערווירט, אַפילו נאָכגעגאַנגען, אַז קוים כאַפּט מען אים, וועל איך אין שפּיטאָל נישט אַריינגיין. זעענדיק אַז אַלץ איז אַדורך בשלום, זענען מיר צוריק אַריינגעגאַנגען. אַלע ביקסן זענען אָנגעקומען אין וואַלד, צו די פּאַרטיזאַנער.

ווי נאָר זיי האָבן געקראָגן די ביקסן, איז דאָס לעבן געוואָרן גאָר אַנדערש. פון דער לובלינער פּ.פּ.ר. (פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי — קאָמוניסטן) איז געקומען אַ געוויסער זבישעק, און מיט מיר אָנגעהויבן צו פירן אַ משא־ומתן. איך האָב זיי געגעבן וואָס איך האָב געקענט, ווייל איך בין שוין געגאַנגען אויף אַן „אייזערנעם בריק", הגם איך האָב געציטערט, אַז אַפילו חברים פון אונדזער לאַגער זאָלן נישט וויסן. איך האָב איינגעשטעלט קאָנטאַקטן מיט קאַגאַנאָוויטשן, ווי אויך מיט דער פּ.פּ.ר.

דער פּאַרטיזאַנער פינקעל איז געווען אַ ריכטיקער העלד. אַליין שטאַמט ער פון ראַקאָוו. ווען די דייטשן האָבן אים געכאַפּט, האָט ער זיך אַרויסגעדרייט פון זייערע הענט. געקומען צו לויפן צו מיר אין שפּיטאָל און געזאָגט:

— בערעזין, ס'איז נישט גוט. מען האָט מיך געכאַפּט און איך בין אַנטלאָפן. וואָס טוט מען?

איך האָב פון דעם ערשטן טאָג וואָס איך בין אַריין אין שפּיטאָל, געהאַט אַ נאַגאַן פאַרן אייגענעם געברויך. האָב איך אַרויסגענומען דעם נאַגאַן און געגעבן פינקלען — און אים אַוועקגעשיקט.

אַ געוויסן טאָג באַקום איך אַ בריוו פון קאַגאַנאָוויטשן, אַז מיר זאָלן אַוועק אויף יענער זייט בוג, אין אונדזער געגנט, ווו מיר זענען געבוירן געוואָרן. דאָרט ווייסט מען די וועלדער, אפשר וועט אונדז זיין לייכטער זיך אויסצובאַהאַלטן. ער וויל, אַז איך זאָל קומען. איך האָב דאָס אָנגענומען און אָנגעהויבן גרייטן אַלץ, וואָס איך דאַרף.

אַנטקעגן מיין שפּיטאָל איז געווען נאָך אַ שפּיטאָל, זייער גרופּןפירער האָט געהייסן שפּרונג. איך האָב אים דערציילט די געשיכטע און אַז כ'וויל נישט זיי זאָלן ליידן, אויב מיר וועלן אַוועקגיין.

— קום מיט מיר — האָט ער געזאָגט.

נאָך צוויי טעג האָט ער באַשלאָסן: „מיר גייען!" מיר האָבן אָנגעהויבן זיך גרייטן אין וועג אַריין. איך בין אַרויסגעגאַנגען מיט די צוועלף, מיט וועלכע איך האָב געאַרבעט, אויסגעשטאַט מיטן בייעסטן געווער. קאַגאַנאָוויטש האָט געשיקט אַ פאַרבינדלער, מיר זאָלן וויסן ווו צו גיין. אין דעם מאָמענט, ווען מיר האָבן זיך גענומען גרייטן, איז געקומען שפּרונג, פון דער צווייטער גרופּע, און געזאָגט:

— איך האָב געהערט, אַז דער גאַנצער לאַגער גייט אַוועק! אפשר איז כדאַי אָפּצולייגן?

האָב איך אים געזאָגט: — אפשר ביסטו גערעכט? פון דער צווייטער זייט, האָב איך צוגעגרייט פּאַטראָנען, ביקסן, דייטשע מונדירן, ריינע וועש, נייע שטיוול.

איך האָב געזאָגט דעם שאָפער פון שפּיטאָל, אַז היינט 6 אַזייגער האָב איך אַ ביסל סחורה וואָס מען דאַרף אַרויספירן צו פאַרקויפן. איך האָב אים באַשטעלט, ער איז געקומען צו דער צייט. מיר האָבן גענומען די פּעק און זיי אַרויסגעטראָגן אויפן אויטאָ. דערווייל איז אָנגעקומען דער גרופּן־פירער פון צווייטן שפּיטאָל, וואָס איך האָב אים געזאָגט, אַז מיר גייען ניט. ער האָט אָנגעהויבן צו פּראָטעסטירן. געווען צווישן אונדז איינער, סאַנעק, פון שטעטעלע מאַלץ, נעבן בערעזאַ־קאַרטוסקאַ, זייער אַ פיינער בחור. ער האָט יענעם אַ נעם־געטאָן, אַרויפגעטראָגן אויפן אויטאָ — און איז מיט אים אַוועק. איך האָב זיך געזעצט לעבן שאָפער און מ'איז צוגעקומען הינטער לובלין, אויפן וועג וואָס פירט קיין לובאַרטאָוו. דער שאָפער האָט געזאָגט, אַז ער וויל ווייטער ניט פאָרן, אַז איך האָב אים אָפּגענאַרט... איך האָב אים דערקלערט, אַז ביז היינט בין איך געווען אַ קריגס־געפאַנגענער און געאַרבעט פאַר די דייטשן,

פון איצט אָן בין איך אַ פּאַרטיזאַן. איך האָב אַרויסגענומען דעם פּיסטאָלעט און ער איז געפאָרן נאָך אַ 8 קילאָמעטער און אָנגעהויבן גיין אין דער ריכטונג ווו קאַגאַנאָוויטש האָט זיך געפונען אין אַ דאָרף 15 ק״מ פון לובלין. אַזוי גייענדיק אַ 2 שעה, זענען מיר אָנגעקומען אין וואַלד, צום גאַיאָווע. ער האָט געזאָגט:

— ס׳איז ניט גוט. מיר האָבן היינט געהאַט אַן אַבלאַווע און איך ווייס ניט ווו זיי געפינען זיך.

שפּרונג האָט אָנגעהויבן וויינען, ווייל ער האָט דאָך פאַרלאָזן זיינע חברים, הגם ער איז נישט געווען שולדיק אין דעם. ערשט צוזאַמענגנס האָבן מיר געטראָפן עטלעכע פון די אַלטע חברים אונדזערע, וועלכע זענען שוין געווען אין וואַלד. צוזאַמען מיט גרובערן און אייגערן, האָבן מיר אָנגעהויבן זוכן קאַגאַנאָוויטשן. אַזוי זוכנדיק, האָבן מיר אים געטראָפן אַ געהרגעטן. ער האָט נאָך געהאַלטן דעם פּיסטאָלעט אין האַנט, וואָס איך האָב אים געשיקט... מיר האָבן אים קובר געווען — דער איינציקער קרבן פון יענער ערשטער אַבלאַווע.

דאָס לעבן אין וואַלד איז געוואָרן זייער שווער, נישט איינמאָל האָב איך געטראַכט, אַז כ׳האָב געמאַכט אַ שלעכטן שריט וואָס איך בין אַוועק פון לאַגער, אפשר וואָלט מיר דאָרט געווען לייכטער.

אין 42סטן יאָר האָבן מיר קוואַרטירט ביי אַ פּויער. פאַרטאָג איז אָנגעקומען אַ דזשיפּ מיט דייטשן, אַלע חברים אונדזערע זענען אַרויף אויפן דאַך. איך מיט פראַנעק בליימאַן זענען געבליבן. ווי נאָר דער דייטש האָט געעפנט די טיר, האָט ער גלייך געשאָסן צו אים און נישט געטראָפן. מיר זענען ביידע אַרויסגעלאָפן, איך האָבן געקראָגן פון דייטש 2 קוילן און אָפּגעגאַנגען מיט בלוט. נישט קוקנדיק אויף דעם, האָב איך זיך נישט פאַרלוירן: מיט איין האַנט האָב איך אָנגעכאַפּט דעם דייטש פאַרן האַלדז און מיט דער צווייטער ביים פּיסטאָלעט. ער איז געווען צוויי מאָל אַזוי הויך ווי איך. איך האָב זיך געקלאַמערט מיט מיין האַנט אין זיין גאָרגל און נישט אָפּגעלאָזן. אַזוי האָט געדויערט אַ געוויסע צייט, ביז איך האָב געפילט אַז איך פאַל פון די כוחות. איך האָב אָנגעהויבן שרייען, ביז איינער פון מיינע חברים איז אָנגעקומען און ער האָט דערשאָסן דעם דייטש.

די חברים האָבן געכאַפּט אַ פור און מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין. דער פּויער האָט מיך געפירט, ביז מיר זענען אָנגעקומען אין די באַנקאָווער וועלדער. דאָס איז געווען מיין ערשטער קאַמף מיט די דייטשן, אויג אויף אויג.

עס זענען דאָ אַ סך אַזעלכע פאַלן, פון וועלכע איך האָב צו דערציילן. איך בין 3 מאָל פאַרוווּנדעט געוואָרן. איין קויל ליגט נאָך ביז היינט ביי מיר צווישן די לונגען.

די דייטשן האָבן אונדז נישט געלאָזט לעבן. פון אַלע זייטן האָבן זיי אונדז געשטערט און נאָכגעיאָגט, אָבער מיר האָבן געהאַט אַ גוטן מורה־דרך פון יענער געגנט — (היינט אין אַמעריקע) — פראַנעק בלייכמאַן, אַ זון פון אַ מולער, וואָס האָט געאַרבעט אין די דערפער און גוט געקענט יענע מקומות. ער האָט געשטאַמט פון קאַמינקע — אַ קליין שטעטעלע צווישן לובאַרטאָוו און לובלין. ער האָט געהאַט אַ גוטן חבר, אַנטעק, וואָס איז געפאַלן אין מאַרקושאָוו. אַ פיינער בחור געווען, אַ יאָר 27—30. אַ קאָמוניסט נאָך פון פאַרן קריג. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אונדזער פּאַרטיזאַנקע, נאָכדעם ווי איך האָב זיי געטראָפן אַ געוויסן אָוונט אין וואַלד און געהערט אַ פאַרדעכטיקטן גערויש. צוקומענדיק נענטער, האָבן מיר אַ געשריי געטאָן, „סטוי״ — האָבן זיי געענטפערט: „עמך!״ („עמך״ איז געווען דער יידישער פּאַראָל). איך בין צוגעגאַנגען נענטער און דערזען פיר יידישע יינגלעך. זיי האָבן דערציילט פון וואַנען זיי זענען. איך האָב געזאָגט, אַז זיי קענען גיין מיט אונדז. מיר האָבן זיי געגעבן געווער.

מיט אונדז איז אויך געווען אַ פּאַרטיזאַנקע פון יחיאלס גרופּע — צירל. איר פאַמיליע נאָמען קען איך נישט גענוי. זי איז געווען מיט נאָך צוויי ברידער: אברהם און יורעק. זייער אַ וווּיל מיידל, וועלכע האָט דורכגעמאַכט מיט אונדז אַלצדינג. איך האָב איר דערקענט, ווען כ׳בין שוין געקומען צו יחיאל גרינשפּאַנס גרופּע אין 44סטן יאָר.

אַזוי האָבן מיר אָנגעהויבן וואַנדערן אין יענער געגנט פון פּאַרטשעוו ביז לובאַרטאָוו. דערנאָך זענען מיר איבערגעגאַנגען אויפן וועג צו וואַרשע—באַגאַטשין, לוקאָוו. דאָרטן האָבן געהערשט די אַנטיסעמיטן פון דער א.ק. („אַרמיאַ קראַיאָוואַ״). אַזוי ווי מיט מיר איז געווען דער חבר יעגער, וועלכער האָט געקענט זייער אַ גוטן פּויליש, האָט ער זיך מיט זיי צוזאַמענגערעדט. יעגער איז געווען מיינער אַ חבר פון לאַגער אויף ליפּאָווע. ער איז אַנטלאָפן מיט דער ערשטער גרופּע, וואָס איך האָב זיי געגעבן געווער.

מיט מיעטעק גרובער איז ער געווען צוזאַמען. אַלע פּוילישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן יעגערן גוט אויפגענומען. זיי האָבן זיך מיט אים גערעכנט. דאָרט איז געווען איינער כילאַ, דער אָנפירער אין יאַסטקאָוו, פון די „באַטאַליאָני כלאָפּסקיע״ (פּויערישע באַטאַליאָנען). איידער מיר זענען געקומען צו זיי, זענען זיי געווען זייער אַנטיסעמיטיש געשטימט לגבי יידן. נאָכדעם וואָס מיר האָבן אַלץ אויפגעטאָן, האָבן זיי איינגעזען, אַז זיי האָבן דאָ צו טאָן מיט קעמפערס — און דאָס האָט פּאַסירט אַ דאַנק יעגערן. אַפילו כילאַ האָט יעגערן געגעבן אַ ביקס. דעמאָלט איז נאָך נישט געווען די „אַרמיאַ־לודאָוואַ״, זי איז אַנטשטאַנען ערשט אין 44סטן יאָר, דעם 1טן מאַי, אין וואַלד אין בויקאַ. דאַן איז געקומען גענ. ראָלאַ־זשימערסקי און איינגעשלאָסן חברים פון דער פּ.פּ.ר. אין דער „אַרמיאַ לודאָוואַ״ (פאָלקס־אַרמיי).

קאַפּיטאַן טאָלקאָ איז געווען אַ רוסישער געפאַנגענער, וועלכן איך האָב דערקענט אין יאָר 42־43. מיט אים איז געווען נאָך אַ חבר, אַ רוס. זיי האָבן אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן די יידישע פּאַרטיזאַנער. ווען די דייטשן האָבן פּראָקלאַמירט, אַז אַלע רוסישע געפאַנגענע וואָס געפינען זיך אויף פאַרשיידענע אַרבעטן, זאָלן זיך מעלדן, דאַן איז ער אַוועק אין וואַלד און דאָרט געטראָפן די ערשטע גרופּע יידישע יינגלעך מיט מיידלעך פון מאַרקושאָוו און געוואָרן דער פירער פון דער מאַרקושאָווער גרופּע. אַז איך האָב באַגעגנט דעם טאָלקאָ, האָב איך געקענט מיט אים זיך אונטערהאַלטן, ווייל ער איז אַליין אַ רוסישער — און איך האָב געקענט רוסיש. ער איז אומגעקומען אין יאָר 1944.

(פון „ספר ניעסוויזש״, דערשינען אין 1976 אין תל־אָביב. רעדאַגירט פון דוד שטאָקפיש).

ז ו כ ט ק ר ו ב י ם

איך זוך מיין פאָטער **לייזער־מענדל לעמבערגער**, געבוירן אין 1911 אין פּיאַסעטשנע און געוווינט אין לובלין, אויף נאַדסטאַוונע 14, פון פאַך — אַ שוסטער. ער האָט געהאַט נאָך דריי ברידער: **משה, יאָסל און איטשע.**

אויב ווער פון די לאַנדסלייט ווייסט פּרטים וועגן געזוכטן, ביטע טעלעפאָנירן (03)853445, אָדער שרייבן: **יפה אילקשי**, חולון, הטייסים 17.

איך זוך מיין ברודער **אברהם ערליכמאַן**, געבוירן אין יאָר 1928 אין מענדרעוויץ און געוווינט אין לובלין. נאָמען פון די עלטערן: **יעקב און רבקה.** געווען ביים סוף מלחמה אין טערעזיענשטאַט און פון דאָרט געוואָרן באַפרייט.

קלמן ערליכמאַן

ווער עס ווייסט עפּעס וועגן אים, ביטע צו וויסן געבן: ארגון יוצאי לובלין, רח׳ דיזנגוף 158, תל־אביב.

teatrnn.pl

יהודה עלבערג *

אין אַ לאַגער הינטער לובלין

(פֿראַגמענט פון זיין בוך „ביי די טייכן פון פוילן")

אַלע וועגן און אומוועגן וואָס מען האָט גענומען, האָבן געפֿירט צו מזרח און צו דער גענעראַל־גובערניע און ווען מען איז אַריבער די גרענעץ, האָט עליאַש גיך איינגעזען, אַז די ריכטונג איז צו לובלין, מען פירט אים אַהיים...

צומאָרגנס, נאָך דעם ווי מען האָט זיי געבראַכט אין אַ לאַגער הינטער לובלין, האָבן די אָרטיקע יידן זיך דערוווּסט דערפון. דער יודנראַט האָט געשיקט וואַרעמע קאָצן. עליאַש האָט ענדלעך באַקומען אַ ריין היטל און אויך אַ בלעכן שיסעלע, וואָס איז ביי אים געווען זייער אָנגעלייגט. נאָכן זיין אַזוי לאַנג אָפּגעריסן פון אַלץ און אַלעמען, אָן אַ גרוס פון דער היים און אָן אַ מעגלעכקייט צו לאָזן וויסן וועגן זיך, איז מען איצט אין קאָנטאַקט מיט אַ יידישער קהילה. אין דעם סטאַלאַג זענען זעקס הונדערט און זיבן און צוואַנציק יידן געווען צוזאַמען און געפילט זיך אַליין און אָפּגעריסן פון דער וועלט. מען איז געווען ווי אַ שפּיל־באַלעם אין די הענט פון גורל, וואָס האָט הנאה צו צערייסן און צעברעכן אַלץ וואָס קומט אין דער האַנט. עליאַש האָט זיך דערמאָנט אַן עפּיזאָד פון זיינע קינדער־יאָרן. די מאַמע האָט אים מיטגענומען קיין לובלין, ער איז געווען אַ ווילער יונג, איז ער געלאָפן פאַרויס און פאַרבלאָנדזשעט. מען האָט אים געבראַכט אַ פאַרווייַנטן אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט, וווּ ער האָט ענדלעך צוריקגעפונען זיין מאַמע. ער האָט איצט געהאַט אַן ענלעך געפיל. ער איז דעמאָלט געקומען צום שכל און מער נישט אַוועקגעלאָפן פון דער מאַמען. האָט ער עפּעס געלערנט אויך איצט? די פּוילישע ברידער פּראָלעטאַריער, צו וועמען ער איז — שוין אַ דערוואַקסענער — אַנטלאָפן פון זיין מאַמען, האָבן אין סטאַלאַג צוגערויבט זיין מאַנאַשקע און וואָלטן אים געשלאָגן ביז טויט, ווען נישט אַ דייטש ראַטעוועט אים פון זייערע הענט.

עס איז דערגאַנגען אַ שמועה צו די געפאַנגענע, אַז זיי וועלן בקרוב באַפרייט ווערן, אַז עס ווייסט שוין וועגן דעם דער יודנראַט אין לובלין. דאָס עסן האָט געשמעקט בעסער און אַפילו וווּנדן האָבן זיך גענומען היילן בעסער. דאָס עסן איז טאַקע געווען אַ ביסל בעסער און מען האָט גערוט ביינאַכט. אָבער וויכטיקער ווי דאָס איז געווען וואָס מען האָט געקאָנט ציילן די טעג ביז צו דעם אַרויסגיין פריי.

מען האָט געציילט טעג און נאָך טעג. די שומרים זענען ווידער געוואָרן בייז און באַפאַלן מיט קלעפּ מיט און אָן אַן אויסרייד. ווען וועט די ישועה שוין קומען?

ווידער אַ גענעראַל־אַפּעל ווו מען דאַרף מיטנעמען אַלץ. נאָכן אַפּעל אַ מאַרש. איז די אכזריות פון די וואַכלייט נאָר אַ מין לעצט געלט? מען איז פאַרבייגעגאַנגען לובלין און נישט אַריין אין שטאָט. די שומרים האָבן איצט נישט געקאָנט האָבן קיין טענות, מען איז געגאַנגען מיט אַ זשוואַווען טריט, אָבער די נאַהייקעס האָבן געסווישטשעט און אַריינגעשניטן זיך אין לייבער און דאָס שיסן האָט גאָרנישט אויפגעהערט. עליאַש האָט זיך אַראָפּגעבויגן העלפן אַ פאַרוווּנדעטן, האָט אַ קויל אַדורכגעשאָסן זיין רעכטן אָרבל און צעבלוטיקט זיין אָרעם. נאָר אַן אויבערפלעכלעכע וווּנד. ער האָט אָפּגעריסן אַ שטיק פון זיין העמד און מאַרשירנדיק פאַרבונדן דעם אָרעם אָפּצושטעלן דאָס בלוטיקן.

קאָן עס זיין אמת וואָס אַ שומר האָט געזאָגט, אַז מען האָט זיי געוואָלט איבערגעבן אין רשות פון יודנראַט און דער ראַט האָט זיך אָפּגעזאָגט זיי צו נעמען?

עס קאָן זיין, אַז די יידישע פאַרמעגנס זענען שוין לאַנג צוגערויבט. דער יודנראַט האָט קוים מעגלעכקייטן צו באַשפּייזן די אָרטיקע יידן און האָט נישט פון וואַנען צו נעמען צו באַשפּייזן נאָך קנאַפּע זעקס הונדערט. עמעץ זאָגט: אַ סברה, אַז די דייטשן האָבן געוואָלט איבערלאָזן די יידישע געפאַנגענע אין לובלין אויף דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון לובלינער יודנראַט. און אויב די געפאַנגענע וואָלטן זיך דערנאָך צעלאָפן? עס קאָן זיין, אַז די גאַנצע זאַך איז געווען נישט מער ווי אַ פּראָוואָקאַציע קעגן די לובלינער יידן.

איידער מען איז אָנגעקומען קיין לובלין, האָט עליאַש זיך שוין געפילט אַזוי שוואַך און אַזוי מיד, אַז ער האָט נישט געקאָנט אויפהערן טראַכטן וועגן אָפּשטעלן זיך און אַרויס פון די רייען. זאָלן זיי שיסן און אַ סוף זאָל עס נעמען איינמאָל פאַר אַלעמאָל. ווער ווייסט צי ער וואָלט אויסגעהאַלטן ווען נישט די וועג־צייכנס ווינקען צו אים מיט דער בשורה, אַז מען קומט אַלץ נענטער אַהיים. די וווּנד אין אָרעם האָט אים געבראַכט צו גאָר אַן אַנדערן געדאַנק: ער וועט אַנטלויפן! ער זאָל אַפילו דאַרפן גיין קילאָמעטערס אַ נאַקעטער ביז ער וועט באַקומען ציווילע מלבושים, ער זאָל אַפילו געפרוווּרן ווערן אויפן וועג, ער וועט זיך נישט לאָזן פירן צוריק קיין דייטשלאַנד.

אויפן וועג קיין לובלין איז ער געווען אינגאַנצן אַן ווילן, מער שמאַטע ווי מענטש. איז עס דאָס ביסעלע רו? זענען עס די פאָר טעג עסן בעסער? אפשר איז עס גאָר דאָס בלעכענע שיסעלע, וואָס ער האָט באַקומען אין לובלין? אַז אַ מענטש האָט נישט אין וואָס צו נעמען זיין זופּ ביים קעסל, איז ער אָפּגעריסן פון קוואַל פרנסה, איז ער ווי אַ בוים מיט אונטערגעשניטענע וואָרצלען. אַפילו אַ ליידיק שיסעלע שמעקט שוין מיט דעם ריח פון דער זופּ וואָס מען וועט דערין אַריינגיסן... יאָ, אַ שיסעלע האָט כוח צו געבן כוח. אָנעם שיסעלע וואָלט ער נישט געקאָנט אויסהאַלטן די געפאַנגענשאַפט, מיטן שיסעלע האָט ער כוח צו אַנטלויפן פון דער געפאַנגענשאַפט.

* אויסגעצייכנט מיט דער איציק מאַנגער פּרעמיע אין יאָר 1977.

צום אָנדענק

פון יוסף און אסתר לערמאַן הי"ד

דער איצטיקער „בר־מצווה־נומער „קול לובלין" דערשיינט אויך אַ דאַנק דער מיטהילף פון אונדזערע לאַנדסלייט רבקה און שיע גאָלדבערג (פון חולון) — צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אירע עלטערן און שווער־און־שוויגער: דער איבערגעגעבענער געזעלשאַפטלעכער טוער און אַקטיווער פועלי־ציוניסט — **יוסף לערמאַן** און זיין פרוי **אסתר** הי"ד (פון קאָריוו), אומגעקומען פון די נאַצישע רוצחים אין קרעמפּיצער וואַלד אין יאָר 1942.

„פּאָלאַקן־יידן אין די יאָרן 1939—45"

אַזוי הייסט דער בוך־אַלבאָם אין דער פּוילישער שפּראַך, אַ פּראַכט־אויסגאַבע, וועלכע איז דערשינען אין וואַרשע אין יאָר 1971, אין פאַרלאַג „קשאָנשקאַ אי וויעדזאַ", אין וועלכער ס׳ווערט אויף אַ טענדענציעזן אופן דערציילט וועגן דער צוזאַמענאַרבעט און הילף וועלכע פּאָלאַקן האָבן דערלאַנגט די אומגליקלעכע יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער ברוטאַלער הערשאַפט פון דעם היטלעריסטישן אָקופּאַנט — לויט די אָנגענומענע פאַלסיפיקאַציעס פון די פּאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער צו פאַרמינערן די צאָל י י ד י ש ע קרבנות, אָדער זיי פאַרוואַנדלען אין „פּאָלאַקן פון יידישער אָפּשטאַמונג":

דעם אַלבאָם־ספר האָב איך באַקומען צוגעשיקט פון פּוילן און געפונען פאַר נייטיק איבערצוזעצן פאַר „קול לובלין" אייניקע פראַגמענטן וואָס האָבן אַ שייכות מיט לובלין, איר אומגעגנט און מיידאַנעק.

שלמה שטאָקפיש / חיפה

„אַ גרויסע באַפעלקערונג פון יידישער אָפּשטאַמונג האָט באַוווינט די לובלינער וואָיעוודסטווע. בלויז אין לובלין האָבן געוווינט ביי אַ 50 טויזנט יידישע באַפעלקערונג. שוין ביים אָנהייב פון דער אָקופּאַציע, האָבן די היטלעריסטן זיך באַמיט צו שאַפן ביי דער פּוילישער געזעלשאַפט אַ פיינטלעכע שטימונג צו די יידן, דורך טעראָריזירן און חוזקן פון זיי, איבערהויפּט אין די יאַריד־טעג, ווען די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער זענען געקומען אין די שטעט און שטעטלעך פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן. פון דעסטוועגן איז אין די ערשטע אָקופּאַציע־יאָרן גרויס געווען דאָס צוזאַמענלעבן, קאָנטאַקטן און הילף, מצד דער פּוילישער באַפעלקערונג לגבי דער יידישער באַפעלקערונג.

שטאַרק אויפגעטרייסלט איז געוואָרן די פּוילישע געזעלשאַפטלעכקייט פונעם אויסמאָרדן אַ גרופּע זעלנער פון יידישער אָפּשטאַמונג, וועלכע די דייטשן האָבן ווינטער, אין די שרעקלעכע פרעסט, באַרוועסע געטריבן פון לובלין קיין ראַדזימין. די וועלכע זענען געפאַלן אָדער אָפּגעשטאַנען — האָבן די דייטשן דערשאָסן אויפן אָרט. די גאַנצע טראַסע איז געווען פאַרזייט מיט די טויטע קערפּערס פון די דערשאָסענע, וואָס האָט אַרויסגערופן קאָלאָסאַלע אויפרעגונג צווישן דער פּוילישער געזעלשאַפט.

✶

קאַזשימיעזש סידאָר פון וואַרשע שרייבט אין דעם אַלבאָם:

אין לובלין, אויף דער ליפּאָווע גאַס, האָט זיך געפונען אַ גרויסער לאַגער פאַר קריגס־געפאַנגענע, פון בערך טויזנט פּוילישע זעלנער פון יידישער אָפּשטאַמונג. מיר האָבן זיך מיט זיי לייכט קאָנטאַקטירט, ווייל זיי זענען געווען באַשעפטיקט אין שטאָט גופא און אין דער אומגעגנט. לויטן אויפטראַג פון דער לובלינער פּ. פּ. ר. („פּאָלסקאַ פּאַרטיאַ ראָבאָטניטשאַ" — פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי), האָט זיך מיט זיי קאָנטאַקטירט אַ געוויסער חבר מיטן פּסעוודאָנים „מוזשין". אין לאַגער האָט מען אַריינגעשמוגלט געווער, כדי אין פּאַסיקן מאָמענט אַטאַקירן די וועכטערס און אַרויספירן אַלע געפאַנגענע אין די וועלדער. צום באַדויערן, איז די אַקציע נישט פאָרגעקומען. אַנטלאָפן זענען נאָר זיבן זעלנער, וועלכע האָבן אויסגענוצט דעם פאַקט פון זיין באַשעפטיקט ביים איבערלאָדן וואַגאָנעס אויף דער באַן־סטאַציע אין לובאַרטאָוו. די אַנדערע האָבן נישט געזען אין אַנטלויפן אַ זיכערע רעטונג פאַר זיך און זענען אומגעקומען. צווישן די זיבן אַנטלאָפענע האָט זיך אויסגעצייכנט אַ געוויסער „מאַקס", וואָס האָט אַ געוויסע צייט געקעמפט אין די רייען פון דער „גוואַרדיאַ לודאָוואַ" (פּאָלקס־גוואַרדיע). הערבסט 1943, איז ער געשטאַנען בראש פון אַ יידישער פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג אין די פּאַרטשעווער וועלדער און מיט דער איינשטימונג פון דער סאָוויעטישער פּאַרטיזאַנקע, האָט ער זיי אַריבערגעפירט אויף יענער זייט בוג, ווו ריזיקע שטחים זענען געווען באַהערשט פון דער רויטער פּאַרטיזאַנקע. אַמערסטן יידן האָבן געקעמפט אין די פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען אין מערב ווייסרוסלאַנד.

✶

דער קאָנצענטראַציע־לאַגער מאַידאַנעק, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן אין סעפּטעמבער 1941, צוערשט פאַר די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע, איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרניכטונג־לאַגער פאַר פּאָלאַקן און יידן. די צום טויט פאַרמשפּטע האָט מען אָן רעגיסטראַציע געפירט גלייך אין די גאַז־קאַמערן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן פונקציאָנירן אין האַרבסט 1942. די טויטע קערפּערס האָט מען פאַרברענט אין קרעמאַטאָריום, אָדער אין נאָענטן וואַלד. דורכן לאַגער איז אַדורך אַ האַלבער מיליאָן אינטערנירטע, פון וועלכע די מערהייט, 350,000 פּוילישע בירגער, זענען אומגעקומען.

אָט איז אַ טייל פון דער רשימה פון פּאָלאַקן, וואָס זענען אומגעקומען אין מאַידאַנעק:

דעם 20סטן פעברואַר 1943 איז אין מאַידאַנעק פאַרמאַטערט געוואָרן דער פּראָפעסאָר פון פּוילישער ליטעראַטור אויפן לעמבערגער אוניווערסיטעט, קאַזשימיעזש קאָלבושעווסקי. ער איז אַהין פאַרשיקט געוואָרן פאַר אויסבאַהאַלטן זיינע אַ יידישע שילערין.

אין אויגוסט איז דורכן זשאַנדאַרם קעניג דערשאָסן געוואָרן אין נאַטאַלין, לובלינער פּאָוויאַט, סטאַניסלאַוו קאָשיאַר, פאַר אויסבאַהאַלטן אַ יאַסטקאָווער ייד.

אין סעפּטעמבער 1943 איז פאַר העלפן יידן, פאַרשיקט און פאַרפייניקט געוואָרן אין מאַידאַנעק דער קאַנאָניק ראָמאַן אַרכוטאָווסקי, רעגענט פון גייסטלעכן סעמינאַר אין וואַרשע.

דעם 23סטן נאָוועמבער איז פאַר אויסבאַהאַלטן און העלפן יידן פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דער לובלינער איינוווינער ראָמאַן וולאָדאַרטשיק. דעם זעלבן חודש האָט די לובלינער זשאַנדאַרמעריע דערשאָסן אין דאָרף מענטיוו דעם פּויער יאַן יאַטש מיט זיין פרוי יאַדוויגאַ, פאַר צושטעלן פּראָדוקטן די יידן וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין שכנותדיקן וואַלד.

דעם 19טן פעברואַר 1942, איז פאַרשיקט געוואָרן קיין מאַידאַנעק דער באַאַמטער פון וואַרשעווער מאַגיסטראַט, האַליצקי מיט זיין פרוי, פאַר אויסאַרבעטן אַרישע פּאַפּירן פאַר יידן. זיי זענען פון דאָרטן נישט צוריק געקומען.

ד״ר ע. רינגעלבלום דערמאָנט אין זיינע אַרכיוון וועגן פאַרשיקן אַ פּוילישע פאַמיליע קיין מאַידאַנעק, פאַר אויס־

באַהאַלטן אַ גאַנצע משפּחה פון אַ יידישן דאָקטער אין לובלין.

אין הערבסט 1942 איז געוואָרן פאַרהאַלטן און שפּעטער דערשאָסן, וויטאָלד יענדרושאַק, 25 יאָר אַלט, פאַר דער־נענטערן זיך מיט הילף צום געטאָ כמיעלניק. אָפּגעפירט און אים איבערגעגעבן דעם דייטשן פּאָליציי־אַמט, האָט דער ייד שאַיע פּאַסטאַק, וועלכער האָט געדינט דער געסטאַפּאָ און נאָכגעשפּירט נאָך יידן אויף דער אַרישער זייט און נאָך פּאָלאַקן וועלכע האָבן זיי געהאָלפן. פאַר קאָלאַבאָרירן מיט די דייטשן, איז ער דערשאָסן געוואָרן דורך די פּאַר־טיזאַנער.

★

די אויפגאַבע אויסצוראָטן די יידישע באַפעלקערונג אין פּוילן (די א. ג. „היידריך־אַקציע”), האָט דער גרינדער פון די געטאָס, ריינהאַרד היידריך, אָנפאַרטרויט דעם ס. ס. און פּאָליציי־שעף פון לובלינער דיסטריקט, גלאָבאָטשניק. וועגן זיין טעטיקייט צו דער ענדלייזונג, שרייבט געבעלס אין זיין טאָגבוך, אונטער דער דאַטע פון 27סטן מערץ 1942:

„די יידן וועלכע באַוווינען דעם גענעראַל־גאָווערנע־מענט, ווערן איצט עוואַקואירט אויף „מזרח”. אויפן ערשטן פּייער איז געגאַנגען לובלין. וועגן דער באַרבאַרישקייט פון אויספירן דעם פּלאַן, קלויב איך זיך דאָ נישט צו באַשרייבן. גאָך די יידן וועט כמעט נישט בלייבן קיין שפּור. פון זייער אַלגעמיינער צאָל, וועלכע איז די גרעסטע קאָנצענטרירונג אין פּוילן, דאַרף 60% ליקווידירט ווערן. נאָר 40% זענען פעיק צו צוואַנגס־אַרבעט. דער געוועזענער גאולייטער פון ווין, גלאָבאָטשניק, וועמען מ'האָט די אַקציע איבערגעגעבן, פירט זי דורך מיט דער וויטגייענדיקער פאָרזיכטיקייט, וועלכע ציט נישט אויף זיך קיין ספּעציעלע אויפמערקזאַמ־קייט. די אויסגעליידיקטע געטאָס אין דעם גענעראַל־גובער־נעמענט, וועט מען דאַרפן באַפעלקערן מיט די אויסגעזידלטע יידן פון דייטשלאַנד”...

צוויי בעטלערס אין געטאָ לובלין
(אַ בילד פון דערמאָנטן בוך־אַלבאָם)

מגילת החורבן של לובלין

(המשך מעמ' 5)

ציאנ'ס לאנגער'ס. היו קוראים משפחות רבות לקרעים. איש מעל אשתו. בנים מעל אבות ואבות מעל בנים. היו נעלמים ואין איש יודע את מקומות שילוחם. ורבים נהרגו בדרך בעינויים וביסורים קשים. היו זקני היהודים מבקשים ומתחננים לפני הרשעים שיגידו להם כמה יהודים נצרך להם לעבודה ויתנו להם לפי הסדר והגורל ובלבד שלא יחטפו אותם ברחובות ובשווקין. ולא נענו להם הרשעים.

ובלובלין היה באותו הזמן ראש הקלגסין של היטלר צורר יהודים גדול וגלאבאטשניק שמו. וציוה לסרדיוטיו לחטוף ברחובות לובלין עשרת אלפים יהודים להעבידם בפרך בעבודה קשה להתעלל בהם בכל מיני עינויים והתעללויות. ונתפשטו הפוחזים והריקים אנשי הגיסטאפ"ו בכל חוצות לובלין וחטפו אנשים נשים וטף זקנים עם נערים. והוכילום בתופים ובצחוק גדול במכות ובחבלות לככר גדולה אחת שנגדרה בחוטים של ברזל חדים כקוצים. והיתה באותו יום צעקה גדולה בלובלין מהומה ובהלה אשר אין להעלותה על הכתב. ורבים מתו מרוב פחד.

וכאשר נתקבצו באותה ככר כעשרת אלפים יהודים בא צורר היהודים גלאבאטשניק ואתו כל הכנופיה של הרשעים. והתחיל להתעלל ביהודים בהשפלות ובבזיונות כאלה אשר אין לתאר ואין לספר. ואנשי הגיסטאפ"ו ואנשי הצבא התחילו לדחוק את היהודים על הגדרות של ברזל באיומים ובירויות במכות בקתות של רובים וכשאר מיתות משונות. והיה זב דמם של היהודים באותו יום בלובלין כמים בראש חוצות. והיו אנוסים לעשות כל מיני עבודות בזויות וקשות כשהם פושטים את הנעלים ומתהלכים יחפים על חודם של שפודי ברזל. והיה מענה אותם גלאבאטשניק כל היום בלי מאכל ומשקה ובלי מנוחה אפילו רגע. ורבים נופלים ברוב עייפות והיו מקימים אותם הצוררים במכות ובעינויים אחרים.

ולאחר שעינה אותם ויסרם בכל היסורים שבעולם פקד עליהם לרקוד לפניו ולשיר לו שירי שבת קודש. התחילו היהודים לשיר שירות ותשבחות להקב"ה כשניגוני שבת בפיהם וגופותיהם עדיין זבים דם והם מלאים פצעים וחבורות אין בהם מתום. הנאצים הצוררים עמדו מסביב ומילאו פיהם צחוק והיהודים פיהם מלא שירי קודש ועיניהם כלפי מעלה ואינם רואים את הרשעים אשר סביבותיהם...

אל יוצאי לובלין בישראל!

אם אינך מעוניין לקבל את „קול לוב־לין”, מכתבים וחוזרים מטעם ארגוננו — אנא, אל תתבייש ותודיע לנו על רצונך לא להופיע בכרטסת שלנו.

הגלויה שלך או שיחת־טלפון תעלה פחות מן ההוצאות המיותרות שלנו בהד־פסת חוברות ודמי־משלוח, המכבידים על התקציב של ארגון יוצאי לובלין ביש־ראל ומונעים מאתנו להקדיש את הכסף למטרות קונסטרוקטיביות.

נקבל גם בתודה כל תרומה עבור הגליונות „קול לובלין” שנשלחו אליך עד־כה.

★

בא אליך מחו"ל תייר־אורח, קרוב־משפחה או ידיד — רצוי מאד שיפקוד את האנדרטה לזכר קדושי לובלין ומיי־דאנק בנחלת־יצחק ויבקר גם ב„חדר לוב־לין”, ברחוב דיזנגוף 158 בתל־אביב. נא להודיענו על בואו של האיש — ואנו נקבל אותו ברצון ובידידות.

הטלפונים של כמה מחברי הוועד: איינשטיין 445359; אורטמן 34560; הורן 442524; ווסונג 231026; לסקובסקי 742410; מנדלבוים 987172; קוריס 224401; שטוקפיש 745083.

גיטעלע עדעלשטיין-שילדקרויט / פּאַריז

דער יחוס-בריוו פון אונדזער היימשטאָט

(גרעסערע אויסצוגן פון איר אַרויסטריט אויף דער פייערונג פון פאַרטיילן די בעלאַ מאַנדעלסבערג-סטיפּענדיע, פאַרגעקומען אין תל-אביבער אוניווערסיטעט, אין די ראַמען פון צווייטן וועלט-צוזאַמענטרעף פון די לובלינער).

מיט געריריטקייט און יראת-הכבוד וויקלען מיר פונאַנדער, יאָר-איין יאָר-אויס, אונדזער טרויעריקע מגילה. מיר ווילן נישט פאַרגעסן דעם גורל פון די איבער פּערציק טויזנט קדושים פון אונדזער היימשטאָט לובלין. די יידישע לובלין איז אָבער פאַרפלאָכטן מיטן לעבן פון פּוילישן און אייראָפּעישן יידנטום. וויפל צער און בענקשאַפט טויכן אויף פון די זכרונות פון אַמאָל, וואָס דער יידישער ישוב אין לובלין האָט פאַרשריבן גאַנצע בלעטער און קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פונעם טויזנט-יעריקן יידישן לעבן אין פּוילן. אַ גאַנצע ריי ווערק זענען געווידמעט דער געשיכטע פון יידישן לובלין. אין דער געשיכטע-ליטעראַטור ווערט זי אָנגערופן „די יידן-שטאָט לובלין“.

ווי עס שרייבט שלמה ברוך ניסנבוים, האָט דער יידישער ישוב אין לובלין זיך אָנגעהויבן אין 14טן יאָרהונדערט. דער יידישער קוואַרטל האָט גענומען זיך אַנטוויקלען אַרום דעם שלאָס-באַרג, ווייל נאָר דאָרטן איז דערלויבט געוואָרן יידן זיך צו באַזעצן. דאָך איז ביזן 16טן יאָרהונדערט געלונגען דעם יידישן קוואַרטל זיך אויסצוברייטערן — ביז צום גראָדזקע-טויער.

לובלין צווישן ביידע וועלט-מלחמות האָט גערוישט מיט איר פילפאַרביק געזעלשאַפטלעך, קולטורעל און פּאָליטיש לעבן. די שעפערישע כוחות, מיט זייער גייסטרייכן באַגאַזש, האָבן זיך באַמיט איינצופלאַנצן אינעם פאָלקס-מענטש וויסן, בילדונג, סאָלידאַריטעט און הילף פאַר די עקאָנאָמיש-סאָציאַלע באַדערפענישן פון חבר און שכן, געפלעגט ליבע צום מענטש און צום אייגענעם פאָלק, געשאַפן פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געזאָרגט, אַז אין יעדער יידישער שטוב זאָל זיין אַ חלה אויף שבת און ווין צו מאַכן קידוש. ס׳זענען אויך געגרינדעט געוואָרן ליי-קאַסעס, וואָס האָבן מיט אַ קליינער, אָנפּראָצענטיקער הלוואה, אָפט געהאָלפן ראַטעווען פון צוזאַמענברוך אַ סוחר, בעל-מלאכה, אַן אַרבעטער.

ווען מיר קומען זיך היינט צוזאַמען, דערוועקן זיך זכרונות פון אונדזערע היימען און פון אונדזער היים-שטאָט; די יידישע „אוצרות“ אין יידישע שטובן — דער הייליקער צויבער וועלכער האָט אַראָפּגעלויכטן פון די ספרים-שענק, דער ש״ס און פּוסקים, וואָס די אויגן פון טאַטעס און מאַמעס האָבן געפלעגט מיט מסירת-נפשדיקייט; די צעגליטע פלאַטן פון דער קיך און דער נשמה-דיקער ציטער פון דער מאַמען, אַז די מאַכלים און געקעכצן אין די ערב שבתים און יום-טובים זאָלן געלונגען; אַ געמיש פון פּרץ׳ס און שלום-עליכמ׳ס שבת-יום-טובדיקע יידן, ביז די פילאָסאָפיש-מייערסאָנישע אַנטפּלעקונגען פאַר דער מענטשהייט; די אין דלות טאַנצענדיקע און זינגענדיקע יידן אין די שילן און בתי-מדרשים — „נישט מיר בעטן, נישט מיר בעטלען — נאָר שטאָלצע יידן זענען מיר“..

דער ווידערשטאַנד, דער געראַנגל פאַרן לעבן, פאַרן קיום פון כלל און פון פּרט, האָט כאַראַקטעריזירט די יידישע לובלין, וועלכע ווערט באַטראַכט פאַרן בראשית פונעם יידיש-פּוילישן נוסח, ווי די געשטאַלטן און טיפן פון חסידים און מתנגדים, וואָס ווערן מיט גרויס יראת-הכבוד דערמאָנט אין אַ גאַנצער ריי ווערק. מיר דערמאָנען מיט גרויס פאַרערונג דאָ, אין דעם תל-אביבער אוניווערסיטעט, אייניקע נעמען, פון וועלכע מיר האָבן איבערגענומען די גייסטיקע ירושה, וואָס גייט איבער פון דור צו דור:

אין 18טן יאָרהונדערט האָט אין לובלין געלעבט דער „אייזערנער קאָפּ“ — אַ גייסטיקע אויטאָריטעט ביי יידן. ער האָט געהייסן עזריאל הלוי האָראָוויץ; דאָס וויגעלע פון די צענטראַלע אינסטאַנצן פון פּוילישן יידנטום איז אַנטשטאַנען אין לובלין — דער „ועד ארבע הארצות“, וואָס פּראָפּ׳ באַלאַבאַן האָט באַשריבן אין זיין באַרימט בוך „די יידן-שטאָט לובלין“ און דער היסטאָריקער ברוך ניסנבוים; די גרויסע חכמים און רבנים, ווי: ר׳ לייבעלע אייגער, ר׳ צדוק הכהן און שניאור זלמן מליאדי, וואָס ווערן פאַררעכנט ווי די דריי זיילן און פּיאָנערן פון חסידיזם; דער לעצטער פון דער רבנישער דינאַסטיע איז געווען ר׳ מאיר שאַפּירא, וואָס האָט זיך קונה-שם געווען אין דער וועלט מיט זיין דינאַמישקייט און גרינדונג פון דער וועלט-באַרימטער „ישיבת חכמי לובלין“.

בעת דער „גאָלדענער תקופה“, געפינען מיר אין דער ליטעראַטור אַ גאַנצע ריי פּערזענלעכקייטן, אָנהייבנדיק פון יעקב פּאָליאַק ביזן מהרש״ל און מהר״ם, ווי אויך שרייבער און דיכטער, ווי יעקב גלאַטשטיין. מיר קענען אויך נישט פאַרגעסן די לויטערע פרויען-געשטאַלטן, די 3 באַרימטע בעלאַס:

בעלאַ דאָבזשינסקאַ, די טרייע ציוניסטין, גרינדערין פון „החלוץ“, פאָרזיצערין פון פרויען-פאַריין.

בעלאַ שפּירא, פירערין פון „בונד“, ראַטמאַן אין שטאָטראַט, פרוי פון רעדאַקטאָר פון „לובלינער טאָגבלאַט“, יאַנקעלע ניסענבוים.

בעלאַ מאַנדלסבערג-שילדקרויט, מיין לערערין, די טאָכטער פון טובה און מאיר מאַנדעלסבערג, געשיכטע-לערערין אין דער הומאַניסטישער גימנאַזיע, פּרעלעגענטין אין אַקאַדעמישן פאַריין אין לובלין. פאַרקערט אין די העכסטע קרייזן פון דער לובלינער אינטעליגענץ. ערלעך צו זיך און צו מענטשן — אַ פּשוטע, פאָלקסטימלעכע, צאַרטע און שטילע. אַן אייגנאַרטיק געשטאַלט פון אַ פּראָפעסאָרין, וואָס האָט מיט איר צאַרטן פרויען-שמייכל אַרויסגערופן צו זיך אַזוי פיל ליבשאַפט.

ס׳קומט דערפאַר גרויס אָנערקענונג איר מאַן מאיר שילדקרויט, פון די אָנפירנדיקע חברים פון די לינקע פּועלי-ציון אין לובלין, איר ברודער און שוועגערין סימאַ און שמואל מאַנדלסבערג, ווי אויך דעם געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט, פאַר דער איניציאַטיוו אַרויסצוגעבן אין בוך-פאָרם בעלאַס פאַרמלחמהדיקע היסטאָרישע אַרבעטן, אין עברית און אין ענגליש, וועלכע ווערן היינט געלערנט אין די ישראלדיקע אוניווערסיטעטן.

צווישן די יידיש-פראַנצויזישע שרייבער נאָך דער מלחמה, האָט זיך אויך באַוויזן די טאָכטער פון דער לובלינער משפחה שטערנפינקל, אַננאַ לאַנגפוס, וואָס האָט אין איר פערלדיקער פראַנצויזישער שפּראַך אַרויסגעגעבן אייניקע ביכער, וואָס אינעם באַרימטן פון זיי, „זאַלץ און שוועבל“, שילדערט זי די גרויזאַמע איבערלעבונגען מיט איר מאַן אויף „אַרישע“ פּאַפּירן, אין די געטאָס פון לובלין און וואַרשע. דאָס בוך איז אויסגעצייכנט געוואָרן מיטן „גאָנקור פּרייז“, די העכסטע פראַנצויזישע ליטעראַטור-פּרעמיע. אין דעם בוך איז געשילדערט דער לעבנסוועג פון מיליאָנען אַנדערע יידישע קרבנות בעת דער היטלערישער אָקופּאַציע.

אין 1963 זענען מיר פון פּאַריז געפאָרן מיט אַ דעלעגאַציע קיין פּוילן, צום יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ-אויפשטאַנד. דערנאָך זענען מיר מיטן אויטאָבוס אַריינגעפאָרן אויך קיין לובלין. די 160 קילאָמעטער האָבן מיר אַדורכגעמאַכט שווייגנדיק. די יידן-שטאָט לובלין איז ריין פון יידן... אמת, זי איז צוריק אויפגעבויט. די רוסקע גאַס האָט מען פאַרוואַנדלט אין אַ קינדער-פּאַרק. דער „זאַמעק“ — אַ קולטור-הויז. די לובאַרטאָווסקע — אַ רוישיקע האַנדלס-גאַס. ווו ס׳וווינט ערגעץ אַ יידישע משפחה, דאַרף מען זיך שטילערהייט פרעגן אין די רייזע-ביוראָען. קיין מיידאַנעק, די דייטשע מאָרד-פאַבריק אויף פּוילישער ערד, פאָרן מיר מיט אַ טעקסי. אונדזערע בליקן וואָס קוקן אַרויס דורך די קליינע פענסטערלעך פון דער טעקסי, זענען פאַרטונקלט, גלייך מיר וואָלטן געזען אונדזערע נאָענטע, געהערט דאָס געבעט פון די יידן, ווען מ׳האָט זיי געפירט צו דער עקידה...

✡

אונדזער לאַנד, ישראל, איז היינט דער ליכט-פאַקל אויפן נאָענטן מזרח — און דער איינגעוואָרצלטער מינהג ביי אונדז, יידן, איז דאָך — ליכט-בענטשן. זאָל ליכט און שלום באַגלייטן אונדזער מדינה און פאָלק ישראל!

1948 — 1648 — 1348
בתולדות לובלין היהודית

ד"ר אלחנן הורביץ

תקופה חדשה בתולדות העם היהודי החלה בשנת 1948 עם הקמת מדינת ישראל, אולם כל מתעניין בדברי ימי היהודים במזרח אירופה, בליטא ובפולין בכלל ובלובלין בפרט — צריך לדעת, מה קרה בתקופות היסטוריות קודמות: מ־1348 עד 1648 ומ־1648 ועד 1948.

בתקופה, אשר החלה בשנת 1348 ונסתיימה ב־1648, עבר המרכז היהודי — הרוחני, הדתי, הלאומי, התרבותי והכלכלי — ממערב־אירופה לפולין.

ב־1348 פרצה המגפה האיומה, אשר נתפרסמה בשם „המות השחור". על תוצאות המגפה, שהתפשטה מסין על פני אסיה, ארצות הים התיכון ואירופה, נמסרו פרטים אלה:

„...קהיר איבדה 10,000 ועד 15,000 איש מדי יום ביומו. בסין מתו יותר מ־13 מיליון. שטחי הודו נשארו בלי אוכלוסיה. ארץ הטאטארים, ארם נהרים, סוריה, ארמניה היו מכוסות גופות מתים. הקורדים ברחו להרים, מבלי למצוא הצלה. קיסריה נהפכה לעיר מתה. רק ערים מעטות לא נפגעו ונותרו שלמות, מבלי שנמצא הסבר לתופעה זו. בעיר חלב מתו 500 יום־יום, בעזה — 22,000 תוך ששה שבועות. לאי קפריסין אבדו כמעט כל תושביו. על פני הים התיכון והים הצפוני נראו אניות שטות בלי אנשים חיים, שהפיצו את המגפה בכל מקום שאליו הגיעו. לאפיפיור קלימנס באביניון נמסר, שבכל המזרח המיתה המגפה 23,840,000 אנשים... אחרי שפסקה המגפה חסרו בעיר פאדואה שני שלישים מתושביה. בעיר פלורנץ נאסר לפרסם מספרי המתים ולצלצל בפעמונים בשעת לוויות, כדי שהחיים לא ישקעו ביאוש..."

באירופה החלו נוצרים לטעון, שהיהודים אינם סובלים כל־כך מן „המות השחור": „אצל הנוצרים היו פי־100 יותר מתים, מאשר אצל היהודים!"

אנשי מדע נתנו הסבר זה: „היהודים היו שומרי מצוות הדת ולא אכלו שום דבר, מבלי לברך קודם, ולפני הברכה רחצו את ידיהם וכך שמרו יותר על חוקי־ההיגינה!"

אבל בקרב הנוצרים נפוצה העלילה, שכאילו היהודים הרעילו את המעינות, הבארות, הנהרות וגם את האויר, כדי להשמיד את כל הנוצרים...

מפיצי עלילה זו הביאו לידי־כך, שבערים רבות מאד — וביחוד בגרמניה — נשרפו חיים כל היהודים, גברים נשים וטף... יותר מ־350 קהילות יהודיות נחרבו בארבע שנות „המות השחור" וה„יודן־בראנד" הגרמני!

„תקופת הזהב" בפולין

בימי הביניים היה — עד 1348 — המרכז היהודי הגדול ביותר בגרמניה, מחוץ לספרד. בתקופה

סימטה ברובע היהודי בלובלין במאה ה־17.

דער יידישער קווארטאַל אין לובלין אין 17טן יאָרהונדערט.

(„בית התפוצות", תל־אביב)

שבין 1348 ו־1648 כבר היה המרכז היהודי הגדול ביותר — בפולין. בשלוש מאות השנים ההן היתה — כפי שכתבו היסטוריונים — „תקופת־הזהב" של פולין בכלל ושל לובלין היהודית בפרט.

אחרי שהתפשטה מגפת „המות השחור" באו המוני פליטים יהודים מגרמניה ומארצות אחרות לפולין, שבה שלט אז המלך קאזימיר הגדול.

ההיסטוריון הפולני, יאן דלוגוש, כתב, כי קאזימיר הגדול נתן זכות־יתר ליהודים מאהבתו ליהודיה, אסתרקה, שילדה לו ארבעה ילדים: שני בנים — פלקה ונימירא — שחונכו בדת הקתולים, ושתי בנות, שגודלו בדתה של האם.

לאמיתו של דבר היו קהילות יהודיות בפולין גם לפני קאזימיר הגדול. התושבים הראשונים בערי פולין לא היו פולנים אלא גרמנים ויהודים. בימי המלך ולאדיסלאב לוקטק — אביו של קאזימיר הגדול — פרץ מרד העירונים הלא־יהודים בקראקא ובערים אחרות. העירונים הלא־יהודים ניסו אז לשים קץ לתלותם במלך פולין. אולם המלך לוקטק הצליח לדכא את המרד האנטי־פולני של העירונים הלא־יהודים.

לכן מעוניין היה קאזימיר הגדול, שיותר יהודים יתישבו בערי פולין, כדי ליצור בהן „שיווי־משקל כנגד היסודות הגרמניים".

ועד ארבע ארצות בירושלים דפולין

בזמנו נאמר, שהיהודים בפולין היוו את הכוח החזק ביותר נגד „ההתפשטות הגרמנית מזרחה" (נגד ה„דראנג נאך אוסטן" של הגרמנים).

כדי לשים קץ ל„התפשטות הגרמנית למזרח" התאחדו פולין וליטא וגם כרתו את „ברית־האיחוד הלובלינית" („אוניה לובלסקה") בעת מושב מיוחד של הסיים בלובלין.

בפולין התאגדו היהודים בקהילות אוטונומיות. כאשר היה צורך לטפל בענינים משותפים, היו הקהילות בכל חלק (ארץ) מפולין מקימות „ועד קהילות" משותף. ולבסוף הוחלט בלובלין בשנת 1580 להעמיד מעל „ועדי הקהילות" של ארבע ארצות פולין — „ועד ארבע הארצות". ארבע הארצות היו: פולין גדול, פולין קטן, ליטא ורייסן או רוסיה האדומה.

ועד ארבע הארצות מילא בפועל תפקידי סיים (פאר־לאמנט) יהודי בפולין. לידו פעל גם בית־משפט עליון לכל יהודי פולין.

לובלין נחשבה אז כעיר הבירה של ועד ארבע הארצות, שהיה מורכב משני מוסדות אלה: כנסת של „ראשי דד' ארצות". לכן קראו ללובלין היהודית גם בשם „ירושלים דפולין".

בתעודה היסטורית מן המאה ה־17 נאמר: „...**המפרנסים דארבע הארצות היו כמו סנהדרין בלשכת הגזית והיה להם כח לשפוט כל ישראל שב־מלכות פולין ולתקן תקנות ולענוש אדם לפי ראות עיניהם וכל הדבר הקשה יביאו אליהם וישפטו הם...**"

גזירות ת"ח—ת"ט

„תקופת־הזהב" של פולין ושל לובלין היהודית נפסקה בשנת 1648, כאשר פרץ המרד הגדול של כמילניצקי באוקראינה והחלו גזירות ת"ח—ת"ט. הקוזאקים שלו כבר הגיעו לפרברי לובלין, בטרם נסוג זמנית. אבל ב־1656 באים שוב הקוזאקים ביחד עם רוסים לשערי העיר לובלין ודורשים מן הנוצרים... להסגיר את כל היהודים. עד־ראיה כתב:

„...היה זה מראה נורא, כשהוציאו את היהודים, זקנים וצעירים, בכוח מבתיהם שב־שכונה היהודית וגם מבתי הנוצרים... והובילום למחנה האויב, אולם אחר־כך הניחו אותם בחיים..."

אבל אור ל־17 באוקטובר שלחו המוסקאלים (הרוסים) אש בעיר היהודית שמסביב למבצר והיא בערה ששה ימים. מי שברח — נרצח או נמכר לעב־דות...

אחרי חורבן זה הוסיף עוד ועד ארבע הארצות להתכנס, אבל פחות בלובלין ויותר בערים אחרות. ב־1680 נערך מושבו האחרון בלובלין, אף־על־פי שהיה עוד קיים עד 1764 — עד שהסיים הפולני החליט „לשים קץ לסיים היהודי בפולין".

סוף והתחלה חדשה

מאז עברו רק 8 שנים עד 1772, שבה נערכה החלוקה הראשונה של פולין בין רוסיה, פרוסיה ואוסטריה. שטחי־פולין, שסופחו לרוסיה נהפכו ל„תחום המושב". כך נהפכו יהודי־פולין לשעבר — ליהודים רוסיים.

אחרי ההפרעות ב־1881 התרבו המהגרים היהו־דים מרוסיה — בעיקר לאמריקה — והחלה העליה הראשונה לארץ־ישראל. אחרי העליה ה־1 באו ה־2, ה־3, ה־4 (ה„פולנית"), ה־5 (ה„גרמנית") ואחרי החורבן האחרון באירופה — בעת מלחמת העולם השניה — היו עוד שנות־מאבק קשות, בטרם קמה מדינת ישראל ב־1948, שבה התחילה התקופה החד־שה בדברי ימי העם היהודי.

100 ל"י — זה הסכום המינימלי, שקבענו הפעם עבור חוברת „קול לובלין" מס' 13 ודמי־חבר לשנת 1978.

כל סכום נוסף נקבל ברצון ובתודה.

מצורפת המחאת בנק הדואר: 6־27638־4

ארגון יוצאי לובלין בישראל.

דער „החלוץ הצעיר" אין לובלין, 1926

1348-1648-1948 אין דער געשיכטע פון דער יידישער לובלין

ד"ר אלחנן האָרוויץ

אין 1978 ווערט געפייערט 30 יאָר פון מדינת ישראל. אין 1948 האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין דער יידישער געשיכטע, נאָך דעם לעצטן חורבן. אָבער ווער ס'אינטערעסירט זיך מיט דער געשיכטע פון די יידן אין מזרח־אייראָפּע, ליטע און פּוילן בכלל, און פון לובלין בפרט — דאַרף וויסן וואָס עס האָט פּאַסירט אין די פריערדיקע היסטאָרישע תקופות: פון 1348 ביז 1648 און פון 1648 ביז 1948.

פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט אונדזער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו געשריבן:

„ווי זענען יידן געוואָרן פון אַ מזרח־פאָלק אַ מערב־פאָלק, פון אַזיאַטן — אייראָפּעער? — דאָס האָט געמאַכט די רוימישע אימפּעריע... נאָכן גרויסן חורבן פון ירושלים האָט דער פירער פון דער רוימישער אַרמיי טיטוס פאַרטריבן קיין רוים און אַנדערע איטאַליענישע שטעט אַ מאַסע יידישע געפאַנגענע..."

אָבער נאָכן לעצטן חורבן האָט אונדזער גרויסער סטאַטיסטיקער יעקב לעשטשינסקי קאָנסטאַטירט, אַז דער רוב (איבער 50%) פון יידישן פאָלק, לעבט שוין נישט מער אין אייראָפּע, נאָר אין אַמעריקע...

אויך 1348 און 1648 זענען געווען — ווי היסטאָריקער זאָגן — ווענדפּונקטן אין דער יידישער געשיכטע.

„דער שוואַרצער טויט" אין דייטשלאַנד

אין 1348 האָט זיך אָנגעהויבן דער „שוואַרצער טויט" — אַ שרעקלעכע מגיפה, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט פון כינע איבער אַזיע און אייראָפּע. היסטאָריקער, ווי אונדזער פּראָפעסאָר גרעץ, האָבן געמאַכט אַ חשבון, אַז פון יענער „שוואַרצער מגיפה" זענען געשטאָרבן נישט ווייניקער ווי 25 מיליאָנען מענטשן — „אַ פערטל פון דער דעמאָלטיקער מענטשהייט"...

אין אייראָפּע האָבן קריסטן באַמערקט, אַז יידן האָבן ווייניקער געליטן פון דער דאָזיקער מגיפה: „ביי קריסטן זענען געווען הונדערט מאָל מער טויטע, ווי ביי יידן!"

אויף דער פראַגע, וואָס איז געווען די אמתע סיבה, האָבן פאַרשערס געגעבן אַזאַ תשובה: „יידן האָבן געלעבט מער היגיעניש און לויט די געזעצן פון זייער רעליגיע, זיך געוואַשן די הענט פאַרן עסן"...

אָבער צווישן די קריסטן האָט זיך פאַרשפּרייט אַ פאַלשער קלאַנג, אַז די יידן האָבן אַריינגעשאָטן גיפט אין די ברונעמס און טייכן, פאַרסמט אַלע וואַסערן, כדי פּטור צו ווערן פון זייערע אייביקע שונאים, די קריסטן...

די פאַרשפּרייטער פון דעם דאָזיקן פאַלשן קלאַנג האָבן דערפירט דערצו, אַז אין הונדערטער שטעט — בעיקר אין דייטשלאַנד — האָט מען אַלע יידישע מענער, פרויען און קינדער פאַרברענט...

מער ווי 350 יידישע קהילות זענען חרוב געוואָרן אין דער צייט פון „שוואַרצן טויט" (געדויערט פיר יאָר, פון 1348 ביז 1352) און פון דעמאָלטדיקן דייטשן „יודנבראַנד"...

די „גאָלדענע תקופה" אין פּוילן

אין מיטלאַלטער, ביזן יאָר 1348, איז דער גרעסטער יידישער צענטער געווען אין דייטשלאַנד, אויסער שפּאַניע. אין דער תקופה צווישן 1348 און 1648, איז שוין דער גרעסטער יידישער צענטער געווען אין פּוילן. יענע דריי הונדערט יאָר זענען געווען — ווי היסטאָריקער שרייבן — די „גאָלדענע תקופה" פון פּוילן בכלל און פון יידישן לובלין בפרט.

נאָכדעם ווי ס'האָט זיך פאַרשפּרייט די עפּידעמיע פון „שוואַרצן טויט", זענען מאַסן יידישע פּליטים פון דייטשלאַנד געקומען קיין פּוילן. דער דעמאָלטדיקער פּוילישער מלך קאַזשימיעזש וויעלקי (קאַזימיר דער גרויסער) האָט אַרויסגעגעבן גינסטיקע געזעצן פאַר יידן.

דער פּוילישער היסטאָריקער, יאַן דלוגאָש האָט געשריבן, אַז קאַזימיר דער גרויסער האָט געגעבן יידן גרויסע פּריוויּלעגיעס, ווייל ער האָט געהאַט אַ יידישע געליבטע, אסתרקע, און געהאַט מיט איר פיר קינדער: צוויי יינגלעך און צוויי מיידלעך. די צוויי טעכטער זענען דערצויגן געוואָרן אין יידישן גלויבן פון זייער מאַמע און די צוויי יינגלעך — אין קאַטוילישן גלויבן פון זייער פאָטער, דעם מלך.

די אמתע סיבה, פאַרוואָס דער דאָזיקער מלך האָט אַרויסגעגעבן גינסטיקע געזעצן פאַר יידן, איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע: די ערשטע שטעטישע איינוווינער אין פּוילן זענען נישט געווען פּאָליאַקן, נאָר דייטשן און יידן. בעת דער הערשאַפט פון לאָקיעטעק, דעם פאָטער פון קאַזימיר דעם גרויסן, איז אויסגעבראָכן אַ בונט פון די נישט־יידישע איינוווינערס אין

„גלאַט כשר" — אַ יאַטקע אין לובלין (פונעם אַלבאָם „פּויליש יידנטום צווישן צוויי וועלט־מלחמות, 1939—1918"), וואָס דערשיינט בקרוב ווי אַן אויסגאַבע פון דער וועלט־פעדעראַציע פון פּוילישע יידן. אפשר ווייסט ווער פון אונדזערע לאַנדסלייט, אויף וועלכער גאַס האָט זיך געפונען די דאָזיקע יאַטקע?

קראָקע און אַנדערע שטעט. די נישט־יידישע איינוווינערס האָבן געוואָלט מאַכן אַ סוף צו דער פוילישער הערשאַפט אי־בער „זייערע" שטעט. אָבער לאַקיעטעק האָט מצליח געווען אונטערצודריקן דעם אַנטי־פוילישן בונט פון די נישט־יידישע שטאַטישע איינוווינערס.

דעריבער איז קאַזימיר דער גרויסער געווען פאַראינטע־רעסירט, אַז מער יידן „זאָלן זיך באַזעצן אין די שטעט אין פוילן און אַזוי שאַפן אַ שטאַרקן קעגנגעוויכט קעגן די דייטשע עלעמענטן".

ועד ארבע ארצות אין ירושלים דפוילן

אין פוילן זענען די יידן געוואָרן דער שטאַרקסטער כוח קעגן דעם דייטשן „דראַנג נאָך אָסטן" (דראַנג קיין מזרח).

כדי צו מאַכן אַ סוף צום דייטשן „דראַנג קיין מזרח", האָט זיך פוילן פאַראייניקט מיט ליטע און ס'איז געשלאָסן געוואָרן די „לובלינער אוניע" (בעת אַ ספּעציעלע סיים־סעסיע אין לובלין).

אין פוילן האָבן יידן זיך אַליין אָרגאַניזירט אין קהילות און געהאַט אויטאָנאָמע רעכט. מיט דער צייט האָבן זיך די קהילות פון יעדן טייל פון פוילן אָרגאַניזירט אין אַ בשות־פותדיקן „ועד קהילות". צום סוף איז אין לובלין, אין יאָר 1580, באַשלאָסן געוואָרן צו פאַראייניקן אַלע „ועדי קהילות" פון די פיר טיילן פוילן און ליטע (גרויס־פוילן, קליין־פוילן, ליטע און רייסן) אין איין „ועד ארבע ארצות", וואָס האָט דערפילט פונקציעס פון אַ „יידישן סיים" (פּאַרלאַמענט) אין פוילן".

אַזוי האָט זיך אין פוילן געשאַפן דער „גרעסטער אויטאַ־נאָמישער רעליגיעזער, קולטורעלער און פּאָליטיש־ווירט־שאַפטלעכער צענטער פון יידישן פאָלק אין גלות". אין לובלין איז געווען די הויפּט־שטאָט פון די יידן אין פוילן און אויך געהאַט אַ שם אַלס ירושלים דפוילן".

גזרות ת"ח—ת"ט

די „גאָלדענע תקופה" פון פוילן בכלל און פון יידישן לובלין בפרט, איז איבערגעריסן געוואָרן אין יאָר 1648, ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער כמיעלניצקי־אויפשטאַנד אין אוק־ראַינע און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די גזירות ת"ח—ת"ט. באַנדעס פון כמיעלניצקיס קאָזאַקן זענען שוין געווען אין די פאָרשטעט פון לובלין. אָבער אין 1656 קומען ווידער די קאָ־זאַקן מיט די רוסן צו די טויערן פון לובלין, פאָדערן פון די קריסטן אַרויסגעבן אַלע יידן און „זיך נישט באַפרידיקט — ביז זיי האָבן פאַרברענט די יידן אין דער מהרש"ל־שיל..."

דער „ועד ד' הארצות" האָט נאָך אָפּגעהאַלטן זיצונגען, אָבער שוין וויניקער אין לובלין און מער אין אַנדערע שטעט. אין יאָר 1680 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן זיין לעצטע סעסיע אין לובלין, הגם ער האָט נאָך עקזיסטירט ביז 1764 — ביז דער פוילישער סיים האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צום „יידישן סיים אין פוילן".

דאָס האָט פּאַסירט בלויז אַכט יאָר פאַר דער ערשטער טיילונג פון פוילן צווישן רוסלאַנד, פּרייסן און עסטרייך.

סוף און נייער אָנהייב

ביז צו דער ערשטער טיילונג פון פוילן האָט מען יידן בכלל נישט געלאָזט וווינען אין רוסלאַנד. שפּעטער האָט מען זיי געלאָזט ווייטער וווינען אין די געוועזענע פוילישע שטחים, אָבער זיך נישט באַזעצן אין רוסלאַנד גופא. אַזוי איז געשאַפן געוואָרן דער „תחום המושב". און אַזוי זענען געוועזענע פוי־לישע יידן געוואָרן רוסישע יידן.

נאָך די פּאָגראָמען פון 1881, האָט זיך פאַרשטאַרקט די יידישע עמיגראַציע פון רוסלאַנד — בעיקר קיין אַמעריקע — און ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אַזוי־גערופענע ערשטע עליה קיין ארץ־ישראל. נאָך דער ערשטער, איז געקומען די צוויי־טע, דריטע, פערטע (די „פוילישע"), די פינפטע (די „דייטשע") עליה און נאָך דעם לעצטן חורבן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — נאָך לאַנגע און זייער שווערע קאַמפן — מדינת ישראל אין 1948, וואָס האָט אָנגעהויבן די נייע תקופה אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק.

צוליב דעם שטרייק פון די פּאָסט־אָנגעשטעלטע, האָבן מיר באַקומען מיט אַ פאַרשפּעטיקונג דאָס אַרטיקל פון אונדזער בן־עיר, דער מאָלער פון פּאַריז, יהודה ראַזגור — „לובלין און די פּאַרק... ברום", וואָס וועט דערשיינען אין נאָענטסטן נומער „קול לובלין".

נפתח „היכל השמות" להנצחת זכרם של כל אחד משׁשת המיליונים — ב„יד ושם" בירושלים

„היכל השמות", שנועד להנציח את זכרם האישי של כל אחד מ־6 מיליון קורבנות השואה, נפתח ב„יד ושם" על הר הזכרון בירושלים, בהשתתפות ראש הממשלה, מנחם בגין, הראשון־לציון, הרב עובדיה יוסף, אישי ציבור וקהל רב מקרב נצולי השואה וחברי מועצת „יד ושם" והנהלתה.

מעמד פתיחת „היכל השמות" התקיים ב־9 בנובמבר 1977, שהוא „ליל הבדולח" הנורא, שהתרחש לפני 39 שנים.

יו"ר הנהלת „יד ושם" קרא לכל יהודי בישראל והתפוצה להנציח את זכר קרוביהם שניספו בשואה, באמצעות „דפי עד" אשר יוצבו ב„היכל השמות" לזכרון עולם. בין כתלי ההיכל כבר מצויים כיום קרוב ל־3 מיליון שמות הכתובים על גבי „דפי עד", מסר ד"ר ארד.

בחוברת זו תמצא „דף עד" אחד. נא לכתוב בו כל הפרטים ולשלוח ל„יד ושם" ירושלים. שם אפשר גם לבקש עוד „דפים".

520 לובלינאים מארץ ומחו״ל שרו ורקדו בנשף יום העצמאות ה־30, במסגרת הכנס העולמי השני. המארחים היו לובה ומשה קורן.

520 לובלינער יידן פון לאַנד און אויסלאַנד האָבן געזונגען און געטאַנצט אויפן באַל לכבוד דעם 30סטן יום העצמאות, אין די ראַמען פון צווייטן וועלט־צוזאַמענטרעף. די גאַסטגעבער זענען געווען: לובאַ און משה קאָרן.

הכנס העולמי שהיה

מתתיהו הורן — מזכיר הארגון

לפני שש שנים בערך החליט הועד המרכזי של יוצאי לובלין בישראל לקיים כנס עולמי של יוצאי עירנו (לפי הצעתו של ידידנו סם ברייטר ממונטריאל).

לכאורה, חשבנו שזה חלום, או אוטופיה, שקשה להגשימה. הועד לא התייאש והחליט להתחיל מיד בפעולות. יצרנו קשר מכתבים עם התפוצות ורוב הארגונים ויחידים נתנו את הסכמתם למשימה זו. התחלנו בצעדים ארגוניים. כל הצעה של חברי הועד נשקלה לגופו של הענין ולבסוף גובשה תוכנית פעולה.

לפעולות אלה הצטרפו — מתוך התנדבות — ידידנו לובה ומשה קורן, שהציעו לערוך את פתיחת הכנס העולמי הראשון במלונם „פלז׳ה״ בתל־אביב, לפני 5 שנים.

גם ההשתתפות בכנס העולמי השני היתה למעלה מהמשוער. הגיעו משלחות מצרפת, בלגיה, אוסטרליה, ארגנטינה, שוודיה, דנמרק, פולין, אורוגוויי, ארצות־הברית וקנדה. במיוחד היתה משלחת גדולה מצרפת (38 איש). כמעט כל התוכנית בוצעה כמתוכנן. בני־עירנו מן התפוצות הביעו את התלהבותם, לא חסכו שבחים למארגני הכנס וראו בזה פעולה ברוכה שתביא לחיזוק הקשר וההידברות בין כל ארגוני יוצאי לובלין. רבים הציעו שלכנס זה יהיה המשך.

האירועים והמפגשים של הכנס העולמי השני לכבוד 30 שנה למדינת ישראל, החלו בתאריך 25.4.78 בהתאם לתכנית. הפתיחה הרשמית התקיימה רק ביום 4.5.78, היות והמשלחת מארצות־הברית הודיעה שתגיע ארצה בתאריך הנ״ל.

קבלת־הפנים הראשונה לאורחים מחו״ל התקיימה באולם „מקסים״, שהמארחים הם צשה וסימון זיידנוורג. מפגש שני התקיים ביום 1.5.78 ב„בית הפרקליט״ בתל־אביב, במימונם והזמנתם של אילנה ומרדכי מנדלסון.

ביום 3.5.78 התקיימה, משעה 4 עד 6 בערב, עצרת זכרון לקדושי לובלין באוניברסיטת תל־אביב, במסגרת חלוקת המילגה ע״ש בלה מנדלסברג־שילדקרויט. בין הנואמים — הגב׳ גיטלה אדלשטיין־שילדקרויט מפריס. באותו ערב, בשעה 7, התקיימה עצרת זכרון ממלכתית ליום השואה והגבורה ב„היכל התרבות״, לדוברי יידיש. דאגנו לכרטיסי־כניסה לעצרת זו, עבור אורחינו מחו״ל.

למחרת, ביום השואה, התקיימה עצרת זכרון לקדושי עירנו ליד אנדרטת הזכרון לקדושי לובלין ומיידאנק, בהשתתפות כ־400 איש, כולל חברי המשלחות מחו״ל. בין הנואמים: ישראל אייזנברג מלוס־אנג׳לס, שמואל שפירא מפאריס והניק פרוכטמן מניו־יורק. הינחה דוד שטוקפיש. אל מלא רחמים ו„קדיש״ שמענו מהחזן סאמק (המופיע בכל האירועים שלנו בהתנדבות).

ביום 4.5.78 התקיימה הפתיחה החגיגית של הכנס העולמי בבית „המליץ״, בהשתתפות חבר־הכנסת נפתלי פדר. ברכו את הכנס: שלמה זינשטיין מניו־יורק, טשקה פורשטטר מפאריס ואחרים. הוקרן סרט על לובלין ואישיה מלפני השואה.

ביום 6.5.78 נערך טיול באוטובוס ופיקניק ביער עירון וביקור בקיבוץ עין־שמר לפי הזמנתם של בני עירנו קורט הרץ ואלון (קז׳ימירסקי), חברי קיבוץ הנ״ל. היום הזה עבר בהצלחה ודובר הרבה על תנועות הנוער בלובלין לפני השואה.

ביום 10.5.78 התקיים הנשף ליום העצמאות ה־30 של מדינת ישראל, בהזמנתם ומימונם של לובה ומשה קורן, עם תכנית מגוונת ועשירה. חלק מהמשתתפים התכבדו בהדלקת 30 נרות למספר שנות קיומה של מדינת ישראל. כמו כן נמכרו במכירה פומבית ציורים אמנותיים, שנתרמו ע״י הציירים צבי גולדשטיין, חיה הוד וצפורה הרשטיין (כולם — בני־עירנו).

למחרת הנשף, ביום 12.5.78, בשעה 9 בבוקר, התקיים ב„חדר לובלין״ בתל־אביב ישיבה משותפת של נציגי הארגונים שלנו בתפוצות. זו היתה ישיבת סיום וסיכום של הכנס העולמי. ניהל את הישיבה הורן מתתיהו.. הח׳ דוד שטוקפיש הציע להדק הקשרים עם התפוצות וצורות ההנצחה. התעורר ויכוח ער, בו השתתפו: גיטלה אדלשטיין־שילדקרויט, טשקה פורשטטר, שרה׳לה גולדאדלר, משה רוזנבלום, שמואל שפירא וז׳אק גולדבוים (מצרפת); יוסף שנור וישראל אייזנברג (מלוס־אנג׳לס); צפורה שפייזמן (ניו־יורק); יצחק קפלן (מונטריאל); לאה קוריס, יעקב פלדמן, אברהם לסקובסקי (ישראל).

במיפגש הנ״ל השתתפו גם: בלצ׳ה גולדבוים, געניה שפירא, גיומק פרלמוטר, רחל רוזנבלום (פאריס); א. גולדמן (קופנהגן); שמואל זילברשר (מלבורן); טובה שניידמיל (אורוגוויי); מ. אורטמן ומ. ווסונג (ישראל).

דוד שטאָקפיש

די צען „לובלינער טעג״ אין ישראל

ווי אַזוי לובלינער יידן פון די תפוצות און פון ישראל האָבן געפייערט 30 יאָר מדינה

1

אַ סך מחשבה, איניציאַטיוו און אַרבעט איז אינוועסטירט געוואָרן אין די צוגרייטונגען צום צווייטן וועלט־צוזאַמענטרעף פון די לובלינער לכבוד דרייסיק יאָר מדינת ישראל. דער פּראָגראַם פון די פייערונגען איז געווען אַ פּאַרמעסט און אַרויסרוף פאַרן קאָמיטעט אין ישראל, באַגלייט מיט דריי פראַגן: 1) וועלן אונדזערע לאַנדסלייט אין דער וועלט קומען אין אַ גרעסערער צאָל זיך פרייען מיטן דרייסיקסטן יום העצמאות און גלייכצייטיק זיך משמח זיין מיט יידן פון דער אַלטער היים? 2) וועט אונדז געלונגען אַזאַ אונטערנעמונג? און 3) וואָס ווייטער — נאָכן צוזאַמענטרעף?

אויב דער ענטפער אויף דער צווייטער פראַגע בנוגע דעם אַלגעמיינעם דערפאָלג איז אַ פּאָזיטיווער, ווייל אַלע אָן אויסנאַם אונטערנעמונגען פון צוזאַמענטרעף זענען טאַקע געלונגען (ווי דאָס איז אויך צו זען פון אַ ריי בריוו פון אויסלאַנד), איז אָבער דער אָנטייל פון די תפוצות — נישט קיין צופרידנשטעלנדיקער. 38 פון פאַריז און 18 פון ניו־יאָרק, צי 5 פון לאָס־אַנזשעלעס, איז טאַקע אַ נישקשה׳דיקער ציפער, נאָר אַז מאָנטרעאָל באַגנוגנט זיך מיט 2, סאַן־פראַנציסקאָ — 2, מעלבורן — 4, דענעמאַרק — 2, שוועדן — 1, פוילן — 1, בעלגיע — 2, דייטשלאַנד — 3, און

פרעזידיום פון סדר שני, איינגעאָרדנט פון צעשע און סימאָן זיידנווערג אין זאַל „מאַקסים״ אין תל־אביב. עס זיצן פון לינקס: גינאַ עהרענבערג־אייזנבערג (לאָס־אַנזשעלעס), זשאַק גאָלדבוים, טעשקע פאָרשטעטער, שרהלע גאָלדאַדלער (פּאַריז), אַדאַם גאָלדמאַן (קאָפּענהאַגען), צעשע זיידענווערג, ד. שטאָקפיש, סימאָן זיידענווערג.

פון לינקס: משה קאָרן, לייבל פינקערט, חנה וואַסאָנג, סימאָן זיידענווערג, משה וואַסאָנג, מאַרעק אָרטמאַן.



מרדכי און אילנה מענדעלסאָן צינדן אָן איינעם פון די דרייסיק ליכט לכבוד 30 יאָר מדינה, אויפן יום־העצמאות־באַל פון די לובלינער. צווישן זיי שטייט צפורה שפּייזמאַן פון ניו־יאָרק. פון לינקס שטייען: סוכער פאַכטשאַש און דוד שטאָקפיש.

תודה וברכה

בישיבת ועד ארגון לובלין בישראל שהתקיימה ב־18.5.78, סוכמו האירועים והפעילות של חברינו בהכנת הכנס העולמי השני של בני־עירנו — והוחלט:

להודות ולברך את אלה מיוצאי לובלין, שעזרתם והשתתפותם בכנס תרמו רבות להצלחתו מבחינה צבורית וכספית כאחד:

זיידנוורג צשה וסימון —
עבור אירוח של 120 משתתפי הכנס באולם „מקסים״ בתל־אביב.

אילנה ומרדכי מנדלסון —
עבור אירוח של 130 משתתפי הכנס ב„בית הפרקליט״ בת״א.

לובה ומשה קורן —
עבור אירוח של 520 משתתפי הכנס, בנשף יום העצמאות ה־30, שהתקיים באולמי „דליה״ בתל־אביב.

ישראל הרץ ואלון (קאז׳ימירסקי) —
עבור אירוח של 60 משתתפי הכנס בקיבוצם עין־שמר.

צבי גולדשטיין, חיה הוד וצפורה הרשטיין —
עבור התמונות מפרי־מכחולם, שתרמו להגרלות ולמכירה לצרכי ארגון יוצאי לובלין.

יוסף רחמן —
עבור תרומתו לשיפוץ המצבה בנחלת־יצחק.

צבי זילברמן —
עבור הכתובות לכנס.

לח״כ נפתלי פדר —
עבור הרצאתו „30 שנה למדינת ישראל״ בערב פתיחה החגיגית של הכנס העולמי.

teatrnn.pl

אַזעלכע ערטער ווי טאָראָנטאָ, בוענאָס־איירעס, סאַן־פּאַולאָ, לאָנדאָן און אַנדערע, שיקן נישט קיין איינעם — הייסט עס, אַז אויסער אָביעקטיווע שוועריקייטן, זענען אַוודאי געווען אויך סוביעקטיווע סיבות, וואָס הונדערטער לאַנדסלייט אין די תפוצות האָבן דורכגעלאָזט אַזאַ געלעגנהייט פון צונויפבינדן ישראלדיקע פרייד מיט

פון לינקס: שמואל און געניע שפּיראָ (פּאַריז), עובדיה פּעלד, צפּורה שפּייזמאַן (ניו־יאָרק), אפרים איינשטיין.

פון רעכטס: משה וואַסאָנג, צפּורה שפּייזמאַן (ניו־יאָרק), סוכער פּאַכמשאַש, ישוליאַ און יוסף קאַפּלאַן (מאָנטרעאַל), ל. מאַנדעלבוים.

פון רעכטס: גיטעלע שילדקרויט־עדעלשטיין (פּאַריז), צפּורה שפּייזמאַן־טענענבוים (ניו־יאָרק), דוד און רבקהלע שטאָקפּיש, ירחמיאל וויעזשבאָווסקי (בריסל), ס. פּאַכטשאַש, ל. מאַנדעלבוים.

לובלינער עמאָציעס. און די וואָס זענען געבליבן אין דער היים, מעגן באַדויערן וואָס זיי האָבן זיך נישט באַטייליקט אין די „צען לובלינער טעג אין ישראל". מיר האָבן געפילט און געזען די צופרידענע, שמייכלדיקע פּנימער פון די באַטייליקטע, זייערע פרייַדיקע איבערלעבונגען פון טרעפן זזיך מיט אַן אַלטן באַקאַנטן, אַ נאָענטן פריינד, אַ געוועזענעם שכן פון הויז צי פון דער זעלבער גאַס, אַ חבר פון דער שול־באַנק צי פון חדר — געשעעניש, אויף וועלכע מען מעג זאָגן: ס'איז געווען יום־טוב אין שטעטל...

2

דער אָנהייב איז טאַקע געווען אַ יום־טובדיקער! אין דריטן טאָג חול־המועד פּסח, האָבן צעשע און סימאָן זיידענווערג פאַרבעטן, אויף זייער חשבון, איבער 120 געסט פון אויסלאַנד און פון ישראל, צו פייערן דעם „סדר שני" אין זאַל „מאַקסים" אין תל־אביב. מילא, דער געשמאַקער פּסחדיקער מאָלצייט, מיט מוזיק, געלעגנהייטלעכע רעדעס (פון סימאָן זיידענווערג, שרהלע גאָלדאדלער און דעם שרייבער פון די שורות), ווי אויך די אויספלעטונג פון בילדער, אַ מתנה פון צפּורה הערשטיין — זענען טאַקע וויכטיק פאַר אַזאַ אָוונט. אָבער ווער איז אימשטאַנד איבערצוגעבן די היימישע אַטמאָספער, די געהויבענע שטימונג, די פרייד־אויסגעשרייען פון דערקענען אַ ידיד פון די יונגע יאָרן? אַזעלכע באַגעגענישן רופן אַרויס אַ פרישן בלוט־צופלוס פון דערינערונגען און איבערלעבונגען, וועלכע מ'האָט נישט טאָג־טעגלעך ביי זיך אין דער היים...

עפּעס ענלעכס האָבן מיר געזען אויף דעם פייערלעכן קבלת־פּנים, וועלכן אילנה און מרדכי מענדעלסאָן האָבן צוגעגרייט פאַר אַ 130 לאַנדסלייט פון לאַנד און אויסלאַנד. מאָנטיק, דעם 1טן מאַי, אין „בית הפרקליט" אין תל־אָביב, האָבן זיך ווידער געטראָפן לובלינער יידן פון 10 לענדער, כדי געניסן פון אַ צוגעגרייטן בופעט כיד המלך, פון טאַנצן און זינגען, פון אויסהערן די וואַרעמע רייד פון גאַסטגעבער מרדכי מענדעלסאָן, אַ באַגריסונג פון משה זאַלצמאַן (פּאַריז) און באַגעגענען זיך מיט מענטשן, וועלכע מ'האָט נישט געזען אַ 30—40 יאָר.

3

ווי דער שטייגער ביי יידן, איז זיך נישט פאָרצושטעלן אַ שמחה אָן טרויער. מיטוואָך דעם 3טן מאַי, האָבן זיך אָנגעהויבן די טרויער־פייערונגען פון מלוכהשן „טאָג פון אומקום און גבורה". האָבן מיר באַשטימט צו פאַרבינדן דעם דאָזיקן נאַציאָנאַלן אָנדענקטאָג, מיטן באַערן דעם אָנדענק פון די קדושים פון לובלין. אַ ספּעציעלער אויטאָבוס האָט אַוועקגעפירט דעם עולם אין תל־אָביבער אוניווערסיטעט, ווו ס'איז פאָרגעקומען די פאַרטיילונג פון דער סטיפּענדיע א.נ. פון בעלאַ מאַנדעלסבערג־שילדקרויט דעם דאָקטאָראַנט ח. מינסקי פאַר זיין פאָרש־אַרבעט „די גזירות ת"ח און ת"ט אין דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע". דער פאָרזיצער, ד"ר מ. לאַנדע, האָט גערעדט וועגן יידישע פּאָליטישע פּראָבלעמען אין אָנהייב פון פוילנס זעלבשטענדיקייט, אין די טעג פון דער לובלינער רעגירונג; אַדוו' קאָסאָווסקי האָט דערציילט וועגן 10 יאָר פאַרטיילונג פון דער סטיפּענדיע און גיטעלע עדעלשטיין־שילדקרויט האָט אין אַן אינהאַלטרייכן רעפעראַט „35 יאָר נאָכן ליקווידירן די יידישע לובלין" געשילדערט די יידן־שטאָט לובלין — איר אויפבלי און אונטערגאַנג (גרעסערע אויסצוגן פון דער רעדע — זע אויף ז' 14).

7 אָוונט האָבן אונדזערע געסט פון אויסלאַנד זיך באַטייליקט אין דער צענטראַלער געטאָ־אַקאַדעמיע פאַר יידיש־ריידנדיקע אין „היכל התרבות" אין תל־אָביב.

דאָנערשטיק דעם 4טן מאַי, 9.30 פרי, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט איבער 400 יידן ביים דענקמאָל פאַר די קדושים פון לובלין אין מיידאַנעק אויפן בית־הקברות אין נחלת־יצחק, ווו דריי פאָרשטייערס פון דער לובלינער שארית הפליטה — שמואל שפּיראָ (פּאַריז), הערי פּרוכטמאַן (ניו־יאָרק) און ישראל אייזענבערג (לאָס־אַנזשעלעס) האָבן דערציילט פון זייערע איבערלעבונגען אין היטלעריסטישן גהינום און גערופן נישט צו פאַרגעסן וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט אין יענע גרויליקע טעג. דער חזן יעקב סאַ־



דער מעמאַריאַל־אַקט ביים דענקמאָל פֿאַר די קדושים פֿון לובלין און מיידאַנעק. שמואל שפּיראָ (פּאַריז) רעדט וועגן דער אומגע־בראַכטער יידישער קהילה אין לובלין.



מרדכי מענדעלסאָן באַגריסט די געסט אויף דער אויפנאַמע אין „בית הפרקליט" אין ת"א.

דער גאַסטגעבער סימאָן זיידענווערג באַגריסט די לאַנדסלייט פֿון די תפוצות און פֿון ישראל, אויפֿן סדר שני אין תל־אביב — דער ערשטער צונויפֿקום פֿון צווייטן וועלט־צוזאַמענטרעף.

מעק האָט ביז טרערן גערירט דעם עולם מיטן „אל מלא רחמים", „קדיש" און קאַפּיטלעך תהילים.

נאָך דעם טרויער־אַקט, האָט אַ ספּעציעלער אויטאָבוס אָפּגעפירט די געסט פֿון אויסלאַנד אין דער וווינונג פֿון פֿאָרזיצער פֿון ארגון יוצאי לובלין און זיין פֿרוי רבקה'לע, ווו זיי זענען אויפֿגענומען געוואָרן מיט אַ לייכטן כיבוד און אויך געהאַט אַ געלעגנהייט צו פֿירן צווישן זיך היימישע שמועסן.

4

די אָפֿיציעלע דערעפֿענונג פֿון צווייטן וועלט־צוזאַמענטרעף איז פֿאָרגעקומען ערשט דאָנערשטיק אָוונט, דעם 4.5.78, אין בית העמלין, ווייל מיר האָבן געוואַרט אויפֿן אָנקום פֿון דער דעלעגאַציע פֿון ניו־יאָרק. דעם פּרעזידיום־טיש האָבן פֿאַרנומען פֿאָרשטייערס פֿון אייניקע לענדער און פֿון ישראל. נאָך מיין דערעפֿענונג־וואָרט, האָבן באַגריסט: טעשקע פֿאָרשטעטער פֿון פּאַריז, שלמה זינשטיין פֿון ניו־יאָרק. דער כנסת־דעפּוטאַט נפתלי פֿעדער האָט רעפֿערירט אד"ט „30 יאָר מדינת ישראל". דערנאָך איז געוויזן געוואָרן אַ פֿילם (ליכט־בילדער) פֿון דער יידישער לובלין ביז צום חורבן.

ס'איז געווען אַ געלונגענער איינפֿאַל צו פֿאַרברענגען אַ שבת־דיקן טאָג מיט אונדזערע געסט פֿון אויסלאַנד אין אַ קיבוץ, ווו די גאַסטגעבערס זאָלן זיין יידן פֿון לובלין. גאַנץ פֿרי איז דער אויטאָבוס מיט איבער 50 אָנטיילנעמערס אַרויסגעפֿאָרן פֿון תל־אָביב, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון אינזש' אברהם לאַסקאָווסקי. צום־ערשט האָט מען באַזוכט די אַלטערטימלעכקייטן אין קיסריה, דערנאָך — אַ פּיקניק אין וואַלד עירון. ערשט נאָכמיטאָג זענען מיר געווען די געסט פֿון קורט הערץ און אלון (קאַזשימירסקי), לאַנגיאָריקע מיטגלידער פֿון קיבוץ עין־שמר. זיי האָבן אונדז אַרומגעפֿירט איבערן קיבוץ, באַקענט מיט זיין ווירטשאַפֿט, פֿאַבריקן און איינריכטונגען.

5

ענדלעך איז געקומען דער פֿינאַל פֿון צווייטן וועלט־צוזאַמענטרעף — דער באַל לכבוד דעם דרייסיקסטן יום העצמאות. די פֿאַרבעטערס און גאַסטגעבערס זענען דאָס מאָל געווען. לובאַ און משה קאָרן, וואָס האָט נאָך מיט 5 יאָר צוריק געגעבן תקיעת־כּף סעם ברייטערן פֿון מאָנטרעאָל, אַז צום צווייטן וועלט־צוזאַמענטרעף פֿון די לובלינער אין 1978, ווען די מדינה וועט פֿייערן איר 30סטן געבוירנטאָג — וועט ער אויסטראָגן אַלע אויסגאַבן פֿון אַ באַל פֿאַר יעדן לובלינער ייד, וואָס וועט האָבן אַן אינטערעס זיך צו באַטייליקן. האָבן זיך צוגעשטעלט אַ 520 לאַנדסלייט, דערפֿון אַ 80 — פֿון די תפוצות — און אַלע זענען געווען איינשטימיק, אַז אַזאַ שמחה האָבן זיי נאָך נישט בייגעלעבט. ווייל אַלץ האָט „געקלאַפּט": דער אָרקעסטער, מיט זיינע האַרציקע, פֿאָלקסטימלעכע יידישע און ישראלדיקע לידער, ווי אויך שאַפֿונגען פֿון דער אַלטער היים; דאָס פֿיינע געשמאַקע מאָלצייט; די צוויי קורצע באַגריסונגען פֿון „מחותן"־גאַסטגעבער משה קאָרן און פֿון שרייבער פֿון די שורות; די צערעמאָניע פֿון אָנצינדן ליכט, מיט וועלכער עס האָבן דיריגירט סוכער פּאַכשטאַט, לייבל מאַנדעלבוים און מתתיהו האָרן; די „קאָנפֿאַרעסיערקע" פֿון צפּורה שפּייזמאַן, די אַקטריסע פֿון דער ניו־יאָרקער „פֿאָלקסבינע", וואָס האָט מיט אַ סך טאַלאַנט און חן געפֿירט דעם אָוונט; די אויספֿלעטונג און אויספֿאַרקויף פֿון די בילדער, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון מאַרעק אָרטמאַן. נאָר איבער אַלעמען האָט געוועלטיקט די היימישע פֿרייד, די לובלינער אַטמאָספֿער און אינטימקייט. אויך טענץ און געזאַנג זענען געווען בשפֿע, אַז אַפֿילו 12 ביינאַכט איז דער עולם נישט גרייט געווען זיך פֿונאַנדערצוגיין און מ'האָט טאַקע פֿאַרלענגערט די שמחה ביז 1 נאָך חצות.

האָט יעדער געדריקט די הענט לובאַן מיט משה קאָרן, האַרציק געדאַנקט פֿאַר דעם פֿאַרגעניגן און דעם בכבודיקן פֿייערן דעם יום העצמאות און דערביי ניט געקאַרגט קיין לויב־ווערטער פֿאַר די קאָמיטעט־מיטגלידער אין ישראל, וואָס אַ דאַנק זייער איבערגעגעבנקייט, אחריות און זאָרגפֿעלטיקער צוגרייטונג, איז דער צווייטער וועלט־צוזאַמענטרעף פֿון די לובלינער אויסגעפֿאַלן אימפּאָזאַנט און אינטערעסאַנט.

6

בנוגע די ווייטערדיקע פּלענער פֿון אונדזער אַרבעט, זענען אין די פֿאַרמיטאָג־שעהן ערב דעם יום העצמאות, געזעסן איבער צוויי צענדליק פֿאָרשטייערס פֿון די לובלינער אין די תפוצות און פֿון ישראל. (אַ באַריכט פֿון דער באַראַטונג, ווי אויך די באַשלוסן,

פון לינקס, שטייען: מריב און צבי זילבערמאַן, יוכבד פלומענקער. זיצן: יוסף רחמן, צפורה הערשטיין. שטייען: סוכער פאַכטשאַש, פרוי חכמוב־באַוניק, ה׳ חכמוב, יוסף אַכטמאַן.

און די נעמען פון די באַטייליקטע — זע אויף ז׳ 29). נאָר מיר ווייסן פון דערפאַרונג, אַז די שענסטע באַשלוסן און בעסטע רע־זאָלוציעס ווערן געמאָסטן און געוויגן נאָר לויט דעם, ווי זיי ווערן רעאַליזירט. טאָ לאָמיר נעמען ערנסט די אַלע באַשלוסן און אויך אָנהייבן זיי רעאַליזירן — וואָס וועט געבן אַן אַנטשפּרעכיקע תשו־בה אויף דער דריטער פראַגע, וועלכע מיר האָבן געשטעלט ביים אָנהייב:

און וואָס ווייטער — נאָכן צוזאַמענטרעף?

אויספירן די באַשלוסן, ענדערן די באַציונג, באַוועגן די אַלע וואָס שטייען אין אַ זייט — כּדי צו געבן אַ המשך די דערגרייכונ־גען און אויפגאַבן, וועלכע זענען געשטעלט געוואָרן פאַרן צוזאַ־מענטרעף.

7

אַגב, האָט דער צוזאַמענטרעף פון די לובלינער געהאַט אויך אַן אָפּקלאַנג אין דער היגער פּרעסע. אין די צוויי פאַרשפּרייטסטע צייטונגען, „הארץ" און „מעריב", זענען דערשינען בילדער פון אונדזער מעמאָריאַל־אַקט אין נחלת־יצחק, ווו די מענטשן זענען פאַרזאַמלט ביים דענקמאָל לזכר די קדושים פון לובלין און מיי־דאַנעק.

צום צוזאַמענטרעף איז אויך דערשינען אַ ספּעציעלער נומער „קול לובלין", געווידמעט דער געשעעניש. די אויסגאַבע, צוזאַמען מיט אַ שפּילקע (זשעטאָן), דעם גענויעם פּראָגראַם פון די פייע־רונגען, ווי אויך די איינלאַדונג צום יום העצמאות באַל, זענען אין אַ טעקע מיט אַן אויפשריפט אין יידיש און עברית „30 יאָר מדינת ישראל — צווייטער וועלט־צוזאַמענטרעף פון לובלינער", פאַרטיילט געוואָרן יעדן גאַסט פון אויסלאַנד, ווי אַן אָנדענק פון אונדזער צונויפקום, וואָס וועט לאַנג בלייבן אין זכרון פון זיינע אָנטיילנעמערס.

באַגריסונגען צום 2־טן וועלט־צוזאַמענטרעף פון די לובלינער

טעלעגראַמעס, רעקאָרדירטע און בריוולעכע באַגריסונגען צום צוזאַמענטרעף, זענען דערהאַלטן געוואָרן פון די פאָלגנדיקע ערטער און לאַנדסלייט:

מאָנטרעאַל — סעם ברייטער.

ניו־יאָרק — פּאָלאַ מאַרגולים־דרייבלאַט און זעליג וואַ־סערשטרום.

סידני — העניעק ראָט און יעקב נאַש.

בוענאָס־איירעס — קאָפּל מיזשריצקי און מאַקס מאַנדל־אייל.

טאָראָנטאָ — יוסף צוקערפיין און אַנאַ בראָם.

לובלין — שלום גארן.

אויף דער אויפנאַמע אין „בית הפרקליט". פון רעכטס: לאה קוריס, משה וואַסאָנג, מרדכי מענדעלסאָן, חיה אַרטמאַן, דוד שטאָקפיש, אילנה מענדעלסאָן, מאַרעק אַרטמאַן.

מסיבה לכבוד משה קאָרן — צו זיין „יונג ווערן" 60 יאָר

דעם 23טן אָקטאָבער ה. י. (שמחת־תורה ביינאַכט) איז אין בית סאָקאָלאָוו אין תל־אביב פאָרגעקומען אַ פייערלעכע מסיבה צום 60סטן געבוירנטאָג פון אונ־דזער בן־עיר און נדבן משה קאָרן.

אַ גרויסער עולם לובלינער יידן איז אויף דער איינלאַדונג פון קאָמיטעט געקומען פאַרברענגען אין אַן אינטימער, היימישער סביבה פון לאַנדסלייט, ווי אויך באַגריסן דעם בעל־השמחה משה קאָרן און זיין פרוי לובאַ, פאַר זייער צוגעבונדנקייט און ברייטהאַרציקייט פאַרן ארגון יוצאי לובלין אין ישראל.

אַ גענויעם באַריכט פון דער מסיבה וועלן מיר אָפּ־דרוקן אין נאָענטסטן נומער „קול לובלין".

אונדזער גוטן חבר און פריינד
נפתלי זימעלשטערן (מאָנטרעאַל)

שיקן מיר איבער די וואַרעמסטע באַגריסונג
צו זיין 65סטן געבוירנטאָג — ביז 120!
מיר ווינטשן דיר און דער האַרציקער רחלען
אַ סך געזונט, נחת און גליק.

פּאָלאַ און סוכער פּאַכטשאַש
ראשון־לציון

ישראל אייזענבערג / לאָס־אַנזשעלעס

אייניקע מחשבות נאָך דעם וועלט־צוזאַמענטרעף פון די לובלינער

1

אַ לאַנגע צייט איידער מיר פאָרן באַזוכן ישראל, איז דאָס עצם גרייטן זיך צו דער נסיעה אַ הייליקע איבערלעבונג. אַזוי אַוודאי האָבן געפילט אונדזערע אָבות אין די צייטן פון בית־המקדש, ווען זיי האָבן זיך געגרייט עולה־רגל זיין קיין ירושלים... און פון באַזוך גופא — איז דאָך אָפּגערעדט! דער באַוווסטזיין און געפיל פון זיין אין ישראל, איז נישט נאָר רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע מאָטיוואַציע, נאָר אויך דער געדאַנק פון טרעפן זיך מיט לובלינער יידן, מיט חברים פון דער אַלטער היים, לויטן באַקאַנטן פוילישן פאָלקסווערטל „מי שיען זנאַנוי, יאַק ז׳ דאָמו ווזיעכאַלי״...

אַז איך טרעף זיך מיט לאַנדסלייט אויף דעם מעמאָריאַל־אַקט אין נחלת־יצחק, באַגלייט מיך תמיד אַ געפיל, אַז אין יענעם מאָמענט געפינען זיך מיט אונדז אַלע לובלינער יידן, אָן אונטערשייד פון אָפּשטאַם, יחוס, אָנגעהעריקייט, מיט מיין טאַטן ז״ל בראש. די אַלע געשטאַלטן שוועבן פאַר מיינע אויגן, ווען איך קוק אויף דעם מאָנומענט מיטן אויפשריפט „לזכר קדושי לובלין ומיידאנק״ און איך פיל דעמאָלט, ווי דער בלוט־דרוק נעמט אַרבעטן אין אַ גאָר אַנדערן טעמפּאָ, ווי אין געוויינלעכע טעג.

איך זע אין יענעם מאָמענט יידן פון דער לובאַרטאָווסקע און קאָוואַלסקע, פון שעראָקע און יאַטעטשנע. איך הער דעם קול התורה פון מיין פאָטערס ע״ה שיעור פון דף יומי אין בית־המדרש פון די חברה נושאים; דאָס לערנען פון די קינדער אין דער תלמוד־תורה, אין בית אולפנה, אין חדר יסודי־התורה אויף נאַדסטאַוונע... נאָר כדי דאָס אַלץ ווידער הערן און פילן, מוזטו בייווינען דעם מעמד פון אַ יזכור־אַקט אין ישראל, ביי דער מצבה פאַר אונדזערע קדושים.

פאַראַן אויך אַ „צווייטע זייט״ פון טרעפן זיך מיט לובלינער. נישט איינמאָל האָב איך געפרעגט אייניקע לובלינער אין לאָס־אַנזשעלעס און אין תל־אביב, הלמאי זיי קומען נישט אויף פאַרשידענע צוזאַמענטרעפן פון די לאַנדסלייט? די ענטפערס זענען תמיד פאַרשידענע און אויך — קעגנזעצלעכע. פאַר אַ טייל, צום ביישפיל, זענען די וואָס שטייען בראש פון ארגון יוצאי לובלין — נישט געננוג פרום. איך גופא, אַ ייד אַ בעל אמונה, ענטפער אַזאַ בן־עיר, אַז קיינער ווייסט נישט עמעצנס „בילאַנס״ ביים רבונו־של־עולם. ס׳איז זייער מעגלעך, אַז דער וואָס כלפי חוץ מאַכט ער דעם איינדרוק פון אַ פרייען, וועלטלעכן, נישט קיין רעליגיעזן — האָט אַ ברירה צו זיין ביים רבש״ע גראָד אַן ערלעכער ייד, וואָס אויף זיין קאָנטע זענען אין דער הימלישער בוכהאַלטעריע פאַרשריבן אַזעלכע מעשים טובים, וואָס שטייגן אַוודאי איבער די מעשים פון אַ ייד מיט באָרד־און־פּיאות... און ווער ווייסט דעם חשבון פון בין אדם למקום?

אַנדערע ווידער האָבן אַ תירוץ פאַר זייער נישט קומען צו די לובלינער, מיט דער סנאָבישער פראַגע:



אויף דער אויפנאַמע פון אילנאַ און מרדכי מענעלסאָן אין „בית הפרקליט״ אין תל־אביב. פון לינקס זיצן: ש. שולדינער, מ. וואַסאַנג, יוכבד פלומענקער, איזאַק און גינאַ עהרענבערג פון לאָס־אַנזשעלעס, מ. פלומענקער, ס. זיידנווערג, ישראל אייזענבערג פון לאָס־אַנזשעלעס, דבורה האָרן, אסתר לאַסקאָווסקי.

„ווער, מ׳שטיינסגעזאָגט, איז געבליבן? מיט וועמען איז דען פאַראַן צו טרעפן זיך דאָרט?״ אַזאַ ייד וויל זיך אַליין אַוועקשטעלן אויף אַ הויכער מדריגה און מיט אַ מאַך מיט דער האַנט פסלען פיל פון אונדזערע לובלינער, וואָס יעדער באַזונדער איז דאָך אַ יקר המציאות, ווייל ער איז געבליבן איינער פון טויזנט. אָן שום ספק, אַז אַזאַ גרויסהאַלטער און סנאָב געהערט צו די, אויף וועמען די הגדה זאָגט „שהוציא את עצמו מן הכלל״...

אַזאַ ענטפער טוט מיר זייער וויי, צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, ווי אַזוי קאָן מען ביי זיך פועלן סתם אַזוי, אָן אַ פאַר וואָס און פאַר ווען, אַוועקמאַכן מיטן האַנט אַ לובלינער ייד פון דער שארית הפליטה? צווייטנס, ווער ווייסט דען דעם חשבון פון רבונו־של־עולם, פאַרוואָס זענען דווקא מיר געבליבן לעבן נאָך דעם שרעקלעכן חורבן? דאָס איז אַ שווערע, האַרבע שאלה, אויף וועלכע פילאָזאָפן און געלערנטע האָבן נאָך נישט געפונען קיין תשובה.

מיט וואָס לאָזט זיך דערקלערן דאָס נישט קומען צו דער יערלעכער אזכרה? צי דערפאַר וואָס עס ווילט זיך נישט לאָזן קיין טרערן, וועלכע גיסן זיך אַליין? צי וויל מען זיך נישט דערמאָנען מער אין די אַלע, וועלכע מיר האָבן פאַרלוירן אין לובלין? ווי אַזוי קאָנען לובלינער יידן זיצן בלייבן אין שטוב, ווען מען זאָגט קדיש בציבור נאָך די העכער 40 טויזנט יידן וואָס זענען אומגעקומען על קידוש השם?

2

און איצט — צו אַ מער פרייִלעכן ענין. יאָר־איין יאָר־אויס נעמען אָנטייל מיין פרוי און איך אין דעם יום־העצמאות־באַל פון די לובלינער אין ישראל. הלוואי וואָלט איך פאַרמאָגט דעם טאַלאַנט און כוח־ההסברה צו געבן צו פאַרשטיין די יעניקע וואָס שטייען פון דער ווייטנס, וואָס זיי פאַרלירן און האָבן היזק מיטן נישט קומען אויף אַזאַ באַל. אַזעלכעס איז שווער צו פאַרשטיין. דאָס דאַרף מען פילן, איבערלעבן.

אָט צום ביישפיל אויף דעם לעצטן באַל, לכבוד 30 יאָר יידישע מדינה, וועלכן לובאַ און משה קאָרן האָבן איינגעאָרדנט לכבוד דעם צווייטן וועלט־צוזאַמענטרעף אונדזערן. ביי איין טיש האָב איך געטראָפן אהרון האַלבערשטאַט פון כפר ביל״ו. ריידנדיק מיט אים און זיין פרוי, האָב איך געזען פאַר זיך זיין טאַטן און זיידן ז״ל, ר׳ איטשעלע האַלבערשטאַט פון לובאַרטאָווסקע 38,

אין הויז ווו ס'האָט זיך געפונען דער פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט און זיך דערמאָנט אונדזערע באַגעגענישן אין ראַדזינער שטיבל אויף לובאַרטאָווסקע 18, ביים דאַווענען און ביים לערנען. מיר זענען דאָך געווען ראַדזינער חסידים.

ביים זעלבן טיש איז אויך געזעסן ליפּשיץ פון בני־ברק מיט זיין פרוי, די טאָכטער פון ר' אברהמטשע קראָנענבלאַט, פון די הייסע גערער חסידים. מיר האָבן זיך דערמאָנט אין דער אָרגאַניזאַציע „צעירי אגודת ישראל" אויף שעראָקע 34, אין בית־המדרש פון די מאַלערס. דאָרט, אין דער ווייבער־שיל, האָבן מיר געהאַט די ביבליאָטעק „עקד הספרים" און אַדורכגעפירט אינטערעסאַנטע פאַרזאַמלונגען מיט אונדזער פאַרזיצער יוסף הערץ.

צווישן די איבער 500 געסט אויפן באַל, האָב איך אויך געטראָפן אַ פּאָרפּאָלק. זי — די טאָכטער פון ר' שלמהלען ז"ל, וואָס האָט געהאַט די שליסלען פון די טויערן אויף לובאַרטאָווסקע גאַס, פון נומער 1 ביז 12. אָן אים האָט מען נישט געקענט אַריינגיין אָדער אַרויסגיין פון די דערמאָנטע הייזער פון „זיין טעריטאָריע", פון 10 ביינאַכט ביז באַגינען. ביז האַלבער נאַכט האָט מען געקענט הערן רופן „שלמהלע! שלמהלע!" פון די וואָס האָבן זיך אומגעקערט שפּעט אַהיים, צי פון די וואָס האָבן געוואָלט אַרויסגיין. מיר האָבן צו יענער צייט געוווינט אויף לובאַרטאָווסקע 3, אַנטקעגן דעם בית־המדרש פון חברה נושאים און די נעכט געווען אָפּהענגיק פון שלמהלען אַוועקצוגיין פון שטוב, אָדער זיך דאָרט אומקערן. איך אַליין, אַ חסידישער בחור, האָב נישט געהערט צו די וואָס זענען געקומען אַהיים אין די שפּעטע נאַכט־שעהען, אָבער אין חנוכה פלעגט מען אין ראַדזינער שטיבל שפּילן אין „קוויטלער", ווייל צו קאָרטן איז נישט געווען גענוג געלט. אין אַ חנוכה־אָוונט האָב איך דאָך געמוזט אַנקומען צו שלמהלען ער זאָל מיך אַריינלאָזן. עס האָט געדויערט צייט, ביז ער האָט אין אַ פראָסטיקער נאַכט זיך דערליידיקט מיט עטלעכע טויערן און צוגעקומען צו אונדזער הויז.

אַלע זיינע יאָרן האָט ר' שלמהלע צונויפגענומען יעדן פרייטיק, אין אַ ווייסער מעטאַל־פּושקע מיט אַ שלאָס, גראָשנס און זלאָטיס ביי די סוחרים, כדי מקיים צו זיין די מצווה פון הכנסת־כלה. אַ דאַנק אים איז דערמעגלעכט געוואָרן צו פירן אונטער דער חופּה נישט איין לובלינער אָרעמע יידישע טאָכטער. ר' שלמהלעס איידעם, וועמען איך האָב געטראָפן אויפן באַל, איז געווען אַ ידיד פון מיין טאַטן.

3

וואָס פאַרא דערמאָנונגען און עמאָציעס לעבסטו איבער ווען דו טרעפסט זיך מיט אַזעלכע מענטשן פון דער אַלטער היים און דערמאָנסט זיך יענע צייטן. כאָטש גיי און גיב צו פאַרשטיין אַ קאָזאַק דעם טעם פון אַ מחצית השקל... אויב ס'האָט נישט ווער קיין שום פאַרשטענדעניש און געפיל פאַר אַזעלכע דערינערונגען — איז דאָס אוממעגלעך אים צו דערקלערן.

אויך אין לאָס־אַנזשעלעס האָבן מיר צווישן די געציילטע לובלינער יידן אַזעלכע וואָס שטייען פון דער ווייטנס, הגם מיר האָבן אָנגעווענדעט אַ סך רייד און אַרגומענטן זיי צו דערנענטערן צו לובלינער אַקטיוויטעטן. נאָר עס העלפט נישט — אַ סברה, זיי ליידן פון אַן אומהיילבאַרער קראַנקייט.

אָבער לאָמיר נישט פאַרגעסן די וועמען ס'איז נאָענט און טייער דער אָנדענק פון דער פאַרשניטענער היים; די וואָס גיבן אַוועק אַ סך צייט, געלט און מי.

איך מיין דאָ ספּעציעל די טוערס פון אירגון יוצאי לובלין בישראל, וואָס טוען נישט נאָר אַ וויכטיקע אַרבעט, נאָר לויט מיין מיינונג — אַ הייליקע אַרבעט. דערפאַר דאַרף מען זיי זאָגן: יישר כּוח!

א מוסר־השכל פאר אנדערע לאנדסמאנשאפטן

מענדל לעווינבוים / פּאַריז

שוין צום צווייטן מאָל האָבן לובלינער יידן אַדורכגעפירט אין מדינת ישראל זייער וועלט־צוזאַמענטרעף — און די איניציאַטאָרן פון אַזעלכע אונטערנעמונגען דאַרפן ווערן באַגריסט און באַדאַנקט. ווייזט אויס, אַז נישט אומזיסט האָט מען לובלין באַצייכנט ווי די עיר ואם בישראל און דער ועד ארבע ארצות האָט אַפילו באַשטימט אַ געוויסע צייט זיין זיצאָרט אין לובלין.

איך וועל זיך נישט אָפּשטעלן אויף איינצלנע פּרטים בנוגע די אַלע עקסקורסיעס, אונטערנעמונגען און צוזאַמענטרעפן אין „לובלינער ווינקל" אויף דיזענגאָף 158 אין תל־אָביב; אויף דער פייערלעכער דערעפענונג אין בית העמלין; די אויפנאַמע אין דער וווינונג פון רבקהלע און דוד שטאָקפיש; אין קיבוץ עין שמר, אַלס געסט פון די פאַמיליעס אלון און הערץ; דער פּיקניק אין וואַלד עירון. איך וויל זיך בלויז טיילן מיט איינדרוקן פון די דריי האַרציקע יום־טובדיקע אויפנאַמעס, וועלכע גאַסטפריינטלעכע לובלינער יידן האָבן איינגעאָרדנט אויף זייער חשבון פאַר די געסט פון אויסלאַנד.

1) די אויפנאַמע פון צעשע און סימאָן זיידענווערג אין זאַל „מאַקסים" אין תל־אָביב. באַטייליקט האָבן זיך אַ 135 פּערזאָן פון 12 לענדער און פון ישראל.

2) די אויפנאַמע פון אילנה און מרדכי מענדלסאָן אינעם „אַדוואָקאַטן־הויז" אין תל־אָביב, מיטן אָנטייל פון אַ 150 לאַנדסלייט פון די תפוצות און פון ישראל.

3) דער באַל לכבוד דעם 30טן יום העצמאות אין די זאַלן „דליה" אין תל־אָביב, אַ דאַנק דער ברייטהאַרציקער באַנעמונג פון לובא און משה קאָרן, מיט איבער 500 באַטייליקטע.

ס'איז געווען אַ יום־טוב פון דערהויבענער פרייד, געמישט מיט טרערן פון גערירטקייט, פונעם עצם צוזאַמענטרעף פון יידן פון לובלין, וועלכע זענען געקומען פון לאָס־אַנזשעלעס, ניו־יאָרק, קאָפּענהאַגן, מאָנטרעאָל, מעלבורן, פּאַריז, מיאַמי, בריסל, פראַנקפורט און אַפילו פון וווראָצלאַוו, פּוילן. נישט אָפט איז פאַראַן אַזאַ געלעגנהייט פון אינערלעכער באַפרידיקונג, צו באַגעגענען זיך מיט אַ חבר און פריינד פון די קינדער־ און יוגנט־יאָרן, מיט איינעם וואָס האָסט מיט אים געלערנט אין חדר, אין שול, צי אין בית־המדרש... אַזעלכע עמאָציעס און סאַטיספאַקציעס האָסטו נישט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק. דעריבער האָבן די לובלינער אין ישראל זיך פאַרדינט אַן ערלעכן יישר־כּוח און אָנערקענונג פאַר אָרגאַניזירן אַזאַ צוזאַמענטרעף.

אַנדערע לאַנדסמאַנשאַפטן וואָלטן געמעגט זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר השכל און נאָכטאָן דעם אירגון יוצאי לובלין אין ישראל, כדי דערמעגלעכן אָפטע צוזאַמענטרעפן פון בני־עיר אין וועלט־מאַסשטאַב.

נייטיק א צוזאַמענאַרבעט צווישן די לאַנדסמאַנשאַפטן

באַגריסונג פון

טעשקע פאַרשטעטער־קאַרמאַן

(פאַריז)

פרעזידיום פון דערעפענונג־אָונט פון צווייטן וועלט־צוזאַמענטרעף. פון לינקס: ש. זינשטיין, ה. פרוכטמאַן און זיין פרוי — פון ניו־יאָרק; טעשקע פאַרשטעטער און שרהלע גאָלדאַדלער — פון פאַריז ד. שטאָקפיש, כנסת־דעפּוטאַט נפתלי פעדער (רעדט), א. גאָדלמאַן — פון דענעמאַרק, צפורה שפייזמאַן — פון ניו־יאָרק.

דערלויבט מיר, טייערע לאַנדסלייט און פריינד, צו באַגריסן אייך אין נאָמען פון די לובלינער אין פאַריז, אין נאָמען פון אונדזער באַליבטער פרעזידענטין שרהלע גאָלדאַדלער, אין נאָמען פון דעם גרינדער פון דער לאַנדסמאַנשאַפט „קינדער פון לובלין", יאַנקל גאָלדבוים און אין נאָמען פון אונדזער צאָלרייכער דעלעגאַציע פון 38 פערזאָן, וועלכע רעפּרעזענטירן איבער 200 משפּחות וואָס געהערן צו די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן אין פראַנקרייך, אין נאָמען פון אונדזער געשעצטן סעקרעטאַר יצחק גאָלדרינג, וואָס האָט צוליב זיין געזונט־צושטאַנד נישט געקענט זיין אַנוועזנד, ער איז אָבער מיטן גאַנצן האַרץ דאָ מיט אונדז.

אַ האַרציקן דאַנק די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם וועלט־צוזאַמענפאָר פון די לובלינער, אַלע איבערגעגעבענע קאָמיטעט־מיטגלידער, מיט איר דינאַמישן און אומדערמידלעכן פאָרזיצער דוד שטאָקפיש און די אַקטיווע מיטהעלפערס: קוריס, האָרן, לאַסקאָווסקי, וואַסאָנג, פאַכצאַזש, אָרטמאַן, מאַנדלבוים און אַלע אַנדערע, ווי אויך דער פרויען־קאָמיסיע, וואָס באַמיט זיך מיט איר אייגנאַרטיקן חן און זאָרג בייצושטייערן צום דערפאָלג פון דעם צוזאַמענפאָר. אַ דאַנק פאַר צוטיילן דעם כבוד אונדזער חשובער פאָרשטייערין גיטעלע עדלשטיין צו רעפערירן אויף דער איינדרוקספולער אַנדענק־אַקאַדעמיע אין תל־אביבער אוניווערסיטעט בעתן פאַרטיילן די סטיפּענדיע א.נ. פון דער לובלינער היסטאָריקערין בעלאַ מאַנדעלסבערג־שילדקרויט.

מיט טיפן ווייטיק און טרויער האָבן מיר היינט געבויגן די קעפּ ביים דענקמאָל נאָך אונדזער פאַרשניטענער קהילה אין לובלין, וואָס זיין אַנטהילונג האָבן מיר בייגעוווינט מיט 5 יאָר צוריק. די אויפטריטן פון ישראל אייזנבערג פון לאָס־אַנזשעלעס, וועלכער האָט מיט זיינע האַרציקע ווערטער ממש דערפירט צום וויינען, די רירנדיקע רייד פון פריינד פרוכטמאַן פון ניו־יאָרק און פון אונדזער אַקטיוון עסקן פון די לובלינער אין פאַריז, שמואל שפּירא — האָבן איבערגעלאָזט אויף אַלע אַ טיפן איינדרוק.

פאַר מיינע אויגן האָב איך געזען אַ צווייטן דענקמאָל, וואָס שטייט פאַריתומט אין לובלין, ביי דער „סטראַזש אָגניאָווא", אויפן געוועזענעם פוילישן טאַרג — דעם דענקמאָל, וועלכן מיר האָבן אויפגעשטעלט צו דער 20־סטער יאָרצייט נאָך דער ליקווידאַציע פון לובלינער געטאָ. זייט דעם לעצטן עקזאָדוס־פוילן אין די יאָרן 1967־68, איז לובלין געוואָרן יודן־ריין. ס'איז פאַרבליבן בלויז איין לובלינער ייד, שלום גאַרען מיט זיין פרוי און אייניקע צוגערייזטע יידן.

טייערע פריינד! אַ ישר־כוח אייך פאַר דעם יום־טובדיקן נומער „קול לובלין", מיט דער ווייס־בלויער הילע לכבוד 30 יאָר מדינת ישראל. דער „קול לובלין" איז דאָס קול פון די לובלינער אין אַלע לענדער. מיר, די לובלינער אין פאַריז דאַנקען אייך פאַר דעם אָנגעזעענעם אָרט וואָס איר גיט אָפּ אין דער דאָזיקער אויפגאַבע צו שילדערן אונדזער פילזייטיקע, קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט.

אַ דאַנק אייך פאַר געבן אונדז די מעגלעכקייט איבערצולעבן אַזוי פיל עמאָציעס פון אָפּגעפונען אַלטע חברים פון דער שול־באַנק, פון ספּאָרט־קלוב, פון פאַריין, פון די מיטקעמפערס אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. נישט איינמאָל פאַרקלעמט ביים האַרץ, טרערן האָבן געשטיקט ביי אַזעלכע טרעפונגען. „יעדער איינער איז געקומען מיט זיין לעבנס־געשיכטע", ווי ס'האָט זיך ריכטיק אויסגעדריקט מרדכי מענדעלסאָן, אויף דער וווּנדערבאַרער אויפנאַמע וואָס ער און זיין ליבע פרוי אילנה האָבן פאַר אונדז איינגעאָרדנט.

און ווי נישט דערמאָנען די ערשטע יום־טוב מסיבה לכבוד די אויסלענדישע געסט, וועלכע ס'האָבן אַזוי ברייטהאַרציק איינגעאָרדנט דאָס סימפּאַטישע לובלינער פּאָרפּאָלק צעשע און סימאָן זיידנווערג. וויל איך טאַקע אין נאָמען פון אונדזער צאָלרייכער דעלעגאַציע אויסדריקןביידע משפּחות אַ האַרציקן דאַנק.

אונדזער פרייד איז נישט קיין פולע, ווייל פון אונדזערע רייען איז אַרויסגעריסן געוואָרן דער טייערער, האַרציקער פרעזידענט פון די „פאַראייניקטע לובלינער", אלתר זאָבערמאַן — דער פאָלקסמענטש, הייסער ייד, אומדערמידלעכער עסקן, וואָס האָט מיטן גאַנצן האַרץ זיך געווידמעט דער פילפאַרביקער, געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און גאָר באַזונדערס לטובת די לובלינער אין מדינת ישראל. צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע, האָט ער אויך די לובלינער משפּחה איבערגעלאָזט אין טיפן טרויער. זיין אָרט איז געבליבן ליידיק. צו פאַרייביקן זיין אָנדענק, האָבן מיר אָנגעהויבן אַ זאַמל־אַקציע צו פלאַנצן אויף זיין נאָמען 500 ביימער אין ישראל, וואָס באַטרעפט 1 מיליאָן אַלטע פראַנק. דאָס איז דער גרעסטער כבוד וואָס מיר קענען אָפּגעבן אלתרן. ער איז געווען גליקלעך, ווען מיר האָבן פאַרן „פאַראייניקטן אַפּיל" געזאַמלט, אין יאָר 1977, די אימפּאָזאַנטע סומע פון 10 מיליאָן אַלטע פראַנק און פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט צווישן די לאַנדסמאַנשאַפטן אין פאַריז.

אונדזער דעלעגאַציע באַגריסט דעם „איר־גון יוצאי לובלין בישראל" פאַר שאַפן דעם פאָנד אויסצוטיילן פּרעמיעס פאַר יידישע שרייבערס, ווי אויך העלפן זיי אַרויסגעבן נייע ביכער. האָט דאָך אונדזער יחוסדיקע שטאָט לובלין אַרויסגעגעבן וועלט־באַרימטע שרייבערס און דיכטערס: יעקב גלאַטשטיין, משה שולשטיין און אַנדערע.

מיר זענען צופרידן וואָס דאָס אויפטרייסלדיקע בוך פון משה זאַלצמאַן „און מ'האָט מיך רעהאַביליטירט" איז מיט אייער מיטהילף דערשינען אין עברית און מיר אין פראַנקרייך האָבן בייגעשטייערט צו דערשיינען און פאַרשפּרייטן זיין בוך אין פראַנצויזיש. מיט אייער באַשיידענער מיטהילף איז אויך דערשינען דאָס בוך פון אונדזער בן־עיר שלמה שטאָקפיש „אין ראָד פון צאָרן", וועלכעס מיר האָבן געהאָלפן פאַרשפּרייטן אויך אין פאַריז.

טייערע לאַנדסלייט! מיר גיבן זיך אָפּ אַ דין־וחשבון, אַז אַזאַ צוזאַמענפאָר קאָן פאָרקומען נאָר אין ישראל, ווו ס'לעבט דער רוב פון דער לובלינער שארית הפליטה, ווו יידן קומען עולה־רגל זיין און יעדער צוזאַמענפאָר האָט די אונטערשטיצונג פון די רעגירונגס־קרייזן און אָנגעזעענע פערזענלעכקייטן, ווי ס'איז געווען דער אַרויסטריט פון כנסת־דעפּוטאַט נפתלי פעדער אויף דער איצטיקער, פייערלעכער דערעפנונג פון אונדזער וועלט־צוזאַמענפאָר.

אויף דער נאָענטסטער בשותפותדיקער זיצונג פון די לובלינער קאָמיטעטן אין דער וועלט, וועלן מיר זיך אויסטוישן מיט דערפאַרונגען און אַוודאי אָננעמען וויכטיקע באַ־

אויף דער אויפנאַמע פון צעשע און סימאָן זיידענווערג אין תל־אביב. עס זיצן פון לינקס: עובדיה פעלד, חנה און יהודה זשיטאָמירסקי, י. זהבי (גאָלדשטיין), רבקהלע שטאָקפיש, לייבל פינקערט. אויפן בילד רעכטס: דער עולם איז זיך משמח מיט אַ לוסטיקן „האָראַ"...

שלוסן. קומענדיק צוריק קיין פּאַריז, וועלן מיר דאָס אַלץ איבערגעבן אונדזערע מיטגלידער, אויף דער פאַרויסגעזעענער פייערלעכער פאַרזאַמלונג.

ליבע פריינט! זאָלן מיר לערנען איינער פון אַנדערן צו אַרבעטן לטובת די אינטערעסן פון די לובלינער, לטובת דעם יידישן פאָלק און מדינת ישראל. מיר גלויבן, אַז דער צווייטער וועלט־צוזאַמענפאָר וועט נאָך מער שטאַרקן די איינהייט און צוזאַמענאַרבעט צווישן די לאַנדסמאַנשאַפטן אין די תפוצות און טאַקע אויך זיי דערנענטערן. דאָס איז אונדזער הייסער ווונטש און אין דער ריכטונג וועלן מיר מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען.

פאַרשטאַרקן דעם קשר מיט מדינת ישראל

באַגריסונג פון **משה זאַלצמאַן** / פּאַריז

ווי דער לאַנגיאָריקער סעקרעטאַר פון דער געזעלשאַפט „פאַרייניקטע לובלינער" און קאָרעספּאָנדענט פון „קול לובלין" אין פּאַריז, באַגריס איך האַרציק דעם 2טן וועלט־צוזאַמענטרעף פון די לובלינער אין ישראל. איך וויל זאָגן, אַז לובלינערישקייט איז מער ווי לאַנדסמאַנשאַפט, ווייל ס'איז — משפחהדיקייט. אַזוי האָט עס פאָרמולירט דער גרויסער בן־עיר, דער דיכטער און ליטעראַטור־קריטיקער יעקב גלאַטשטיין ז"ל. דערפאַר בין איך שטאָלץ צו זיין אַ מיטגליד און מיטבויער פון דער דאָזיקער שיינער משפחה, הגם איך בין אַ זאַמאָשטשער. ס'איז נישט קיין צופאַל, אַז נאָך מיין קומען קיין פּאַריז, אין 1960, האָב איך די קליינע זאַמאָשטשער שארית־הפליטה אָנגעשלאָסן אין דער געזעלשאַפט „פאַרייניקטע לובלינער", ווייל זי איז געווען און פאַרבליבן די נאָכפאָלגערין פון דער רום־פולער יידן־שטאָט לובלין. הגם 88 קילאָמעטער האָבן אָפּגעטיילט לובלין פון זאַמאָשטש, זענען די צוויי שטעט, פון דור־דורות, געווען פאַרבונדן צווישן זיך און קעגנזייטיק זיך דערגאַנצט און באַווירקט. גענוג צו דערמאָנען, אַז דער זאַמאָשטשער ר' עזריאל האָרוויץ, באַקאַנט אונטערן נאָמען „דער אייזערנער קאָפּ", איז געווען דער גייסטיקער מנהיג פון דער גרויסער לובלינער קהילה, ווי אויך דער לעצטער זאַמאָשטשער רב, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן פון די נאַציס, ר' מרדכי האָראָוויץ־שטערנפעלד און דער גרויסער זאַמאָשטשער י. ל. פּרץ, דער פאָטער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, איז מיט זיין גייסטיקן איינפלוס ווייט אַריבער די גרענעצן פון אונדזער געבוירן־שטאָט.

דער גרויסער חורבן וועלכער האָט אויך נישט אויסגעמיטן פּאַריז, האָט אַרויסגעריסן פון אונדזערע רייען 80% פון דער מיטגלידערשאַפט, אָבער די פאַרבליבענע שארית־הפליטה האָט גיך און קאָנסטרוקטיוו באַוויזן צוריק אויפצובויען די לאַנדסמאַנשאַפט, אויפנעמען און זאַמלען אַרום זיך די ניי־געקומענע, וואָס האָבן באַוויזן זיך אַרויסצורוקן אין די פאָדערשטע רייען פון פּאַריזער יידישגעזעלשאַפטלעכן לעבן. מיר זענען געווען פון די ערשטע לאַנדסמאַנשאַפטן, וואָס האָבן פאַרייביקט די יידישע לובלין אין אַ וואָגיקן ספר פון קנאַפּע 700 זייטן.

מיט כבוד דערמאָן איך די ערשטע אַקטיווע מיטגלידער און טוערס, וואָס זענען שוין אַוועק אין דער אייביקייט: דאַווידזאָן, שטאַמפאָטער, גאָלדאַדלער, דעם קוועקזילבערדיקן לייבעלע עדעלשטיין און העלאַ מאַרדער. די לובלינער משפחה אין פּאַריז איז איינגעהילט אין טרויער צוליבן פּריצייטיקן טויט פון דעם פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט „פאַרייניקטע לובלינער", אלתר זאָבערמאַן. זיין ליכטיק געשטאַלט האָט פאַרשאַפן כבוד די לובלינער אין פּאַריז.

איך באַגריס דעם וועטעראַן פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין פראַנקרייך, וואָס איז מיט זיין באַלטשען געקומען צום צוזאַמענפאָר — זשאַק גאָלדבוים, און ווינטש אים אַ סך יאָרן פאַרצוזעצן זיין טרייע, איבערגעגעבענע אַקטיוויטעט לטובת דער געזעלשאַפט.

טראָץ אַלע שוועריקייטן פון אַ לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס האָט נישט קיין נייעם בלוט־צופלוס, ווייל די מיטגלידערשאַפט עלטערט זיך אין לויט דעם נאַטירלעכן ביאָלאָגישן געזעץ — פאַרקלענערט זיך די צאָל, זעצן מיר פאָר מיט עקשנות די קולטור־געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעט, אין וואָרט און אין שריפט. נאָר דער נר־תמיד וואָס באַווירקט אונדזער טעטיקייט, איז די אַרבעט לטובת ישראל.

פונקט ווי ישראל איז דער צענטער פון וועלט־יידנטום, אַזוי איז דער לובלינער „אירגון", אין וועלכן ס'איז קאָנצענטרירט די גרעסטע צאָל פון דער לובלינער שארית־הפליטה, די איינציקע לעגיטימע פאָרשטייערשאַפט וואָס שפינט דעם גאָלדענעם פאָדעם פון דער רום־פולער לובלינער קהילה. איך באַגריס די אַקטיוויסטן, באַזונדערס די אַרויסגעבער פון „קול לובלין". ס'איז אויך אַ וויכטיקער אויפטו דער פאָנד פון אויסטיילן פּרעמיעס פאַר יידישע שרייבערס און העלפן אַרויסגעבן זייערע ביכער, צווישן וועלכע ס'איז אויך געווען אונדזערע לאַנדסלייט משה שולשטיין, שלמה שטאָקפיש און מיין ווייניקייט.

איך ווינטש דערפאָלג דעם וועלט־צוזאַמענטרעף, ער זאָל פּרוכטבאַר און שעפעריש דערפילן זיין אויפגאַבע. די לובלינער דאַרפן אויך זאָרגן פאַר די קלענערע קהילות וואָס האָבן געווירקט אין זייער געגנט. שוין איצט איז נישטאָ אין פּאַריז קיין מנין יידן פון אַזעלכע גרויסע קהילות, ווי: זאַמאָשטש, הרוביעשאָוו, קראַסניסטאַוו און אַנדערע. עס ווערן אויך ווינציק דערמאָנט די וויכטיקע געשטאַלטן, וואָס האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין לובלין צווישן ביידע וועלט־מלחמות. צום ביישפּיל, אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי בעלאַ שפּיראָ, באַקאַנט מיט אירע פלאַמיקע רעדעס אין לובלינער שטאָטראַט. כ'שעם זיך, ווען איך געפין נישט אין יזכור־בוך די שאַפונגען פון דעם גרויסן לובלינער פּאָעט יעקב גלאַטשטיין, וואָס האָט נאָך מיט יאָרן פריער פאָרויסגעזען דעם חורבן, ווי דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין זיין באַרימט ליד „אַ גוטע נאַכט דיר, וועלט".

זאָל דער צוזאַמענטרעף פון די לובלינער נאָך מער פאַרשטאַרקן דעם קשר מיט מדינת ישראל און מיט אונדזער אירגון.

זאָל מדינת ישראל זיך בויען און שטאַרקן און ווי אַמגיכסטן דערגרייכן אַ גערעכטן שלום מיט אירע אַראַבישע שכנים.

גרוסן און פאַרלאַנגען

סעם ברייטער
(מאָנטרעאַל)



צוליב דעם פאַרבאָט פון דאָקטער, איז מיר נישט דערלויבט געווען צו פאָרן קיין ישראל און זיך פרייען מיט אייך, טייערע שוועסטער און ברידער פון מיין היימשטאָט, וואָס זענען געקומען פון דער גרויסער וועלט צום צווייטן צוזאַמענטרעף פון די לובלינער. האָב איך רעקאָרדירט אַ קורצע באַגריסונג צו דער וויכטיקער געשעעניש, וואָס איז דער עיקר פאַרבינדן מיט 30 יאָר מדינת ישראל.

היינטיקן אָוונט בין איך טאַקע געאָגראַפיש ווייט פון אייך טויזנטער קילאָמעטער, נאָר מיין גאַנץ וועזן, מיין האַרץ און נשמה, איז מיט אייך. מיר ליגט נאָך גוט אין זכרון (און טעם) די ווּנדערלעכע איינדרוקן און איבערלעבונגען פון אונדזער ערשטן וועלט־צוזאַמענטרעף מיט 5 יאָר צוריק און איך שטעל זיך פאָר, וואָס אייך דערוואַרט אויף דער איצטיקער באַגעגעניש.

איך און מיין שרה זענען אין אַלע הינזיכטן געווען גרייט צו קומען קיין ישראל. נאָר ווי זאָגט דאָס פאָלקסווערטל: „דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט". די קראַנקייט האָט צו נישט געמאַכט אַלע פּלענער. איך פיל זיך איצט אַ סך בעסער, אָבער נישט גענוג שטאַרק צו אַזאַ ווייטער רייזע. נאָר כ'בין פול מיט אָפּטימיזם, אַז צום 35סטן יום העצמאות וועט מען זיך ווידער טרעפן אין נחת און אין פרייד. מעגלעך אויך, אַז מיר וועלן האָבן דערגרייכט דעם געגאַרטן שלום.

פאַר אַלעמען, טייערע פריינד, נעמט צו די האַרציקסטע גרוסן פון מיר, מיין פרוי, ווי אויך פון די לובלינער יידן אין מאָנטרעאַל. אין די לעצטע יאָרן האָבן אונדזערע לאַנדסמאַנשאַפטן־אָרגאַניזאַציעס אַרויסגעוויזן אַ באַדייטנדיקע טעטיקייט, וועלכע איז אַוודאי משפּיע געוואָרן פון אירגון יוצאי לובלין אין ישראל. נאָר פאַר אונדז זענען נאָך געבליבן אייניקע וויכטיקע אויפגאַבן, וואָס איך האַלט, אַז דער צווייטער וועלט־צוזאַמענטרעף דאַרף זיך מיט דעם באַשעפטיקן.

ערשטנס — זאָרגן פאַר אַ המשך פון אונדזער טעטיקייט דורך דערנענטערן און אַריינציען אונדזערע קינדער און אייניקלעך אין די סאָסייעטיס.

צווייטנס — אַרויסווייזן מערער אַקטיוויטעטן פאַר ישראל.

דריטנס — נישט אויפהערן מיט דער פאַראייביקונג פון די קדושים פון לובלין — דורך אויסגאַבן, מאָנומענטן, סטיפּענדיעס אדג"ל.

פערטנס — שטאַרקן די צוזאַמענאַרבעט פון די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן אין דער וועלט מיטן אירגון יוצאי לובלין אין ישראל.

זייט באַגריסט און געשטאַרקט, טייערע לאַנדסלייט פון ישראל און פון די תפוצות, וואָס באַטייליקן זיך אין צווייטן וועלט־צוזאַמענטרעף.

א דאַנק און אַנערקענונג

יוסף שנור / לאָס־אַנזשעלעס

איך וויל אויסדריקן מיין האַרציקן דאַנק דעם קאָמיטעט פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל פאַרן אָרגאַניזירן און אַדורכפירן דעם אימפּאָזאַנטן צוזאַמענפאָר פון אונדזערע לובלינער. ס'איז געווען אַ וויכטיקע דערגרייכונג צונויפצוברענגען אונדזערע לאַנדסלייט צו די פייערונגען לכבוד 30 יאָר יידישע מדינה און גלייכצייטיק געבן אַ געלעגנהייט פאַר צענדליקער לובלינער יידן פון דער וועלט און פון ישראל, וואָס האָבן אַ סך יאָרן זיך נישט געזען, זיי זאָלן זיך טרעפן צוזאַמען. פאַר מיר פּערזענלעך איז דאָס געווען אַ גרויסע איבערלעבונג און טאַקע אויך איבערגעלאָזט אומפאַרגעסלעכע איינדרוקן.

איך וויל באַזונדערס דאַנקען די פאַמיליעס מענדעלסאָן, זיידענווערג און קאָרן פאַר זייער גאַסטפריינטלעכקייט און האַרציקע אויפנאַמעס. אַ דאַנק אויך פאַר דעם באַזונדערן אינטערעס וועלכן ס'האָבן מיר אַרויסגעוויזן די אַלע פריינד מיט וועלכע כ'בין געווען אין קאָנטאַקט בעת מיין לעצטן באַזוך אין ישראל. מיט זיי האָב איך פאַרברענגט אין אַן אינטימער, חברישער סביבה, ווי מיר זענען דאָס געווען געוווינט ביז דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. נישט געקוקט אויף די לאַנגע יאָרן צעשיידונג און ווייטקייט, איז ביי זיי פאַרבליבן די לובלינער טראַדיציע פון הכנסת־אורחים און די איצטיקע צוזאַמענטרעפן מיט חברים, פריינד און באַקאַנטע האָבן דאָס ווידער באַשטעטיקט.

לאָמיר האָפן, אַז אין 5 יאָר אַרום, צום 35סטן געבוירנטאָג פון מדינת ישראל, וועלן די אַלע אָנטיילנעמערס פון צווייטן וועלט־צוזאַמענטרעף זיך טרעפן אויך אויפן דריטן וועלט־צוזאַמענטרעף פון אונדזערע לאַנדסלייט.

אויפן יום־העצמאות־באַל. פון לינקס: טובה שניידמיל, אַ נייע עולה פון אורוגוויי, משה און חנה וואַסאָנג (ישראל), יוסף שנור (לאָס־אַנזשעלעס). אויפן בילד אויבן: אַ טייל פון עולם אויף דער פייערלעכער דערעפענונג פון וועלט־צוזאַמענטרעף אין תל־אביב.

באַשלוסן און פּראָיעקטן פון דער וועלט־באַראַטונג פון פאָרשטייערס פון די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן אין די תפוצות און פון ישראל

אָנגענומען אין „לובלינער ווינקל" אין תל־אביב, דעם 10.5.78, אין די ראַמען פון צווייטן וועלט־צוזאַמענטרעף פון יידן פון לובלין, לכבוד 30 יאָר מדינת ישראל.

1. אָנהאַלטן רעגולערע און סטאַבילע קאָנטאַקטן צווישן די לאַנדסמאַנשאַפטן און איינצלנע לובלינער יידן אין דער וועלט, מיטן ארגון יוצאי לובלין אין ישראל.

2. **יידישע שולן אָדער קלאַסן פון זונטיק־שולן צי נאָכמיטאָג־שולן, מעגלעך אויך — אינסטיטוציעס, דאַרפן אַדאָפּטירן די לובלינער יידישע קהילה און זיך באַטייליקן אין די יזכור־אָוונטן און אַנדערע אונטערנעמונגען פון אונדזערע לאַנדסמאַנשאַפטן.**

3. יורידיש פאַרזיכערן די פאַרמעגנס פון די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן, ווי אויך זאָרגן דערפאַר, אַז אין די צוואות (ירושה־אַקטן) פון יחידים זאָלן געוויסע סומען באַשטימט ווערן צו פאַראייביקן די יידישע לובלין.

4. **אַליין שאַפן, אָדער זיך מיטבאַטייליקן אינעם ישראלדיקן סטיפּענדיע־פאָנד, קולטור־פאָנד און אין דער ליטעראַטור־פּרעמיע א. נ. פון די קדושי לובלין.**

5. זיכערן דאָס רעגולערע דערשיינען פון „קול לובלין", איינמאָל אין יאָר, מיט אַ יערלעכער באַשטייערונג פון יעדער לאַנדסמאַנשאַפט באַזונדער, צי פון יחידים ; זאָרגן פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון דער אויסגאַבע אויף די ערטער.

6. **באַמיען זיך, אַז גאַסן אָדער אינסטיטוציעס זאָלן טראָגן דעם נאָמען פון לובלין.**

7. איינזאַמלען פון אַלע לענדער די אַרכיוון פון אונדזערע לאַנדסמאַנשאַפטן־אָרגאַניזאַציעס און זיי איבערגעבן צום אָפּהיטן די אַנטשפּרעכנדיקע אינסטיטוציעס.

8. **אַדורכפירן די אַקציע פון יד ושם וועגן פאַראייביקן די נעמען פון אונדזערע קדושים, קרבנות פון די דייטשישע רציחות, אויף די ספּעציעלע עדות־בלעטער („דפי עד"), וואָס ווערן אָפּגעהיטן אין אַ באַזונדערן פּאַווילאָן אין יד ושם אין ירושלים ; גלייכצייטיק צונויפשטעלן אַ רעגיסטער פון די לעבעדיקע לובלינער יידן אין דער וועלט און אין ישראל**

9. זאָרגן פאַר אויפשטעלן, באַזאַמען מיטן פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן, אַן עלטערן־היים (בית אבות) אין ישראל.

10. **באַמיען זיך צו דערנענטערן, אַריינציען און אַקטיוויזירן די קינדער און אייניקלעך פון לובלינער אין די עקזיסטירנדיקע לאַנדסמאַנשאַפטן־אָרגאַניזאַציעס ; באַקענען זיי מיטן לעבן און קאַמף פון זייערע עלטערן און באָבעס־זיידעס.**

צו די דערמאָנטע באַשלוסן זענען נאָך אַריינגעטראָגן געוואָרן אייניקע וויכטיקע פאָרשלאָגן :

- ✶ שאַפן אַ וועלט־ראַט פון די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן.
- ✶ פאַרייניקן ביידע לאַנדסמאַנשאַפטן אין פּאַריז.
- ✶ איינשטעלן קאָנטאַקטן צווישן די לאַנדסמאַנשאַפטן־אָרגאַניזאַציעס אין די תפוצות.

געפירט די באַראַטונג האָט מתתיהו האָרן. די פּראָיעקטן האָט פאָרגעלייגט דוד שטאָקפיש.

אין דעם מיינונגס־אויסטויש האָבן זיך באַטייליקט : גיטעלע עדעלשטיין־שילדקרויט, טעשקע קאָרמאַן־פאָרשטעטער, שרהלע גאָלדאַדלער, משה ראָזנבלום, שמואל שפּיראָ, זשאַק גאָלדבוים — פון פּאַריז ; יוסף שנור און ישראל אייזענבערג — פון לאָס־אַנזשעלעס ; צפורה שפּייזמאַן — פון ניו־יאָרק ; יצחק קאַפּלאַן — פון מאָנטרעאָל ; לאה קוריס, יעקב פעלדמאַן און אברהם לאַסקאָווסקי — פון ישראל.

אויסער זיי זענען אויף דער באַראַטונג געווען אָנוועזנד : באַלטשע גאָלדבוים, געניע שפּיראָ, ניומעק פּערלמוטער, רחל ראָזענבלום (פּאַריז); אַדאָם גאָלדמאַן (קאָפּענהאַגען); שמואל זילבערשער (מעלבורן); טובה שניידמיל (אורוגוויי); מ. אָרטמאַן, מ. וואָסאָנג (ישראל).

„אלץ האט געקלאפּט ווי געהעריק" / פּראָפ' לעאָן שיפּמאַן, פּאַריז

עס זענען שוין פאָריבער 20 טעג, זייט איך האָב זיך אומגעקערט קיין פראַנקרייך און כ'בין נאָך אַלץ אונטערן שטאַרקן איינדרוק פון אונדזער וועלט־צוזאַמענטרעף.

עס קומט אַ דאַנק דעם קאָמיטעט אין ישראל און דיר פּערזענלעך פאַר דעם גלענצנד אָרגאַניזירטן צוזאַמענטרעף פון „לובלינער אינטערנאַציאָנאַל" און פאַר דער ריזיקער אַרבעט, וועלכע איר האָט אַריינגעלייגט. אַלץ האָט געקלאַפּט ווי געהעריק. פּערזענלעך באַדויער איך, וואָס צוויי פּלאַנירטע, אינטערעסאַנטע אויספלוגן, זענען נישט צושטאַנד געקומען און כ'האָב נישט געהאַט צוליב דעם די מעגלעכקייט אָנצוקוקן אייניקע וויכטיקע ערטער.

(אויסצוגן פון אַ בריוו)

אַ דאַנק שלמה שטאָקפיש האָב איך געהאַט אַ געוויסע פאַרגיטיקונג און געקענט באַזוכן חיפה און אומגעגנט. גיב אים איבער אַ האַרציקן דאַנק אין מיין נאָמען.

דאָס זעלבע — פאַר לובאַ און משה קאָרן (טאַשעמקאַ), פאַר דעם שטאַרק געלונגענעם באַל צום 30סטן יום העצמאות. מיר שיינט, אַז טראָץ זיין רייכטום, איז משה קאָרן אַ באַשיידענער מענטש און דער קאָפּ האָט זיך אים נישט פאַרדרייט צוליבן מאַטעריעלן דערפאָלג, ווי דאָס פּאַסירט מיט אַנדערע...

זונטיק טרעפן זיך די לובלינער אין פּאַריז, אין ווערבערי. צום באַדויערן, וועט דאָסמאָל נישט זיין מיט אונדז דער אומפאַרגעסלעכער אלתר זאַבערמאַן ז"ל.

לאָז גרוסן אַלע לובלינער אין ישראל.

אומפאַרגעסלעכע איינדרוקן

הערשי פּרוכטמאַן / ניו־יאָרק

(פון אַ בריוו)

...איך בין נישט אימשטאַנד איבערצוגעבן אויפן פּאַפּיר, אַ וואָסערע אומפאַרגעסלעכע איינדרוקן ס'האָבן אויף אונדז געלאָזן דער צוזאַמענקונפט פון די לובלינער, מיט אַלע זיינע געלונגענע אונטערנעמונגען. פאַר אַלע און מיין פרוי זענען דאָס געווען איינדרוקס־פולע איבערלעבונגען.

זאָל מיר דערלויבט זיין אויסצודריקן אַ דאַנק די אַלע, וואָס האָבן אַריינגעלייגט אַזוי פיל מי און אַרבעט דאָס אַלץ אַדורכצופירן, ספּעציעל אונדזערע פריינד דוד שטאָקפּיש מיט זיין ליבער פרוי רבקהלע פאַר דער אויפנאַמע ביי זיך אין שטוב פאַר די געסט פון אויסלאַנד, נאָכן אומקערן זיך פונעם יזכור־אַקט אין נחלת־יצחק; איך בין אויך פול מיט אָנערקענונג פאַר צעשע און סימאָן זיידנווערג, פאַר אילנה און מרדכי מענדעלסאָן און לובאַ און משה קאָרן, וואָס האָבן אַזוי האַרציק אויפגענומען אונדזערע לובלינער פון דער וועלט און פון ישראל און דערמעגלעכט צו פאַרברענגען 3 אָוונטן אין אַ היימישער אַטמאָספער. גאָר איינגעקריצט אין זכרון איז דער יום־העצמאות־באַל.

איך וועל אויף דעם נאָענטסטן מיטינג פון די לובלינער אין ניו־יאָרק באַריכטן אויספירלעך וועגן דעם וועלט־צוזאַמענטרעף.

מיר ווינטשן אייך כוח און געזונט ווייטער אָנצוגיין מיט דער וויכטיקער אַרבעט אויך אין קומענדיקן יאָר.

שנה טובה פאַר אַלע לובלינער יידן אין ישראל. זאָל דאָס זיין אַ יאָר פון שלום.

חלוקת המלגה ע״ש בלה מנדלסברג ב־1978

טקס זכרון וחלוקת מילגה לזכרה של בלה מנדלסברג־שילדקרויט ז״ל מטעם אוניברסיטת תל־אביב, ארגון יוצאי לובלין והאגודה להנצחת שמה של בלה מנדלסברג־שילדקרויט ז״ל התקיים השנה, במסגרת הכנס העולמי השני של לובלינאים, ביום 3.5.78, באודיטוריום פאסטליכט, בנין מכסיקו, בקרית האוניברסיטה, רמת־אביב.

הנחה את הטקס — ד״ר מ. לאנדה, שהירצה על היערכות מדינית יהודית בראשית פולין העצמאית (ימי ממשלת לובלין).

בשם האגודה דיבר עו״ד ח. קוסובסקי־שחור, בנושא „עשור חלוקת המילגה".

בשם ארגון יוצאי לובלין הופיעה גיטלה איידלשטיין־שילדקרויט מצרפת, בנושא „35 שנה לחיסול יהודות לובלין".

מקבל המילגה, הדוקטורנט ח. מינסקי, סיפר על מחקרו „גזירות ת״ח ות״ט בהיסטוריוגרפיה היהודית".

בטקס השתתפו רבים מיוצאי לובלין בתפוצות ובארץ.

אויף דער פאַרטיילונג פון דער סטיפּענדיע א. נ. פון בעלאַ מאַנדעלסבערג־שילדקרויט אין העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, אין יאָר 1977. פון לינקס: נחמן בלומענטאַל, פּראָפ' שמואל עטינגער — פאָרזיצער, מתתיהו האַרן און קאַלאַנעל (אין רעזערוו) יעקב חסדאי, פּרעמירט מיט דער סטיפּענדיע.

אלבאָם „פּויליש יידנטום צווישן צוויי וועלט־מלחמות"

אין אַ ריי פון בילדער, סקיצן און פאַקסימיליעס פירט דער דאָזיקער אַלבאָם דעם לייענער איבער לאַנדשאַפטן פון לעבן, מי און שאַפונג פונעם פוילישן יידנטום אין אַ תקופה צווישן צוויי וועלט־מלחמות. תורה־צענטערס, שטייגער־ווינקלען, צענטערס פון האַנדל און אינדוסטריע — און איבער אַלץ שפּרייט זיך אויס פאַרן לייענער אַ פילפאַרביקע און ברויזנדיקע מענטשן־לאַנדשאַפט, ווי אַן עדות פון לעבן, ווי אַ מצבה צום אָנדענק.

וואָס עס ווערט דערציילט אינעם אַלבאָם איז די דערציילונג פון פוילישן יידנטום פאַר דער שואה. די דערציילונג פון יידישער גרויסקייט אין אַ גלות־לאַנד וואָס איז געווען דער האַמער און די קאָוואַדלע פון דער יידישער שאַפונג אין אייראָפּע — ביז איר פאַרלענד.

אַן אויספירלעכע מאָנאָגראַפיע, וואָס גיט אַן איבערבליק איבער דעם שטייגער פון דער דאָזיקער תקופה און איבער אירע גערענגלענישן, קומט פאַר די דערציילונגען פון די בילדער.

דער אַלבאָם „פּויליש יידנטום צווישן צוויי וועלט־מלחמות" וועט דערשיינען אין פאַרלויף פון יאָר 1978. פאַרזיכערט אייער אָנטייל אינעם דורכפירן די דאָזיקע וויכטיקע אונטערנעמונג דורך:

א. אַ ביישטייער צום אַרויסגעבן דאָס בוך

דער נאָמען פון דעם וואָס וועט זיך באַשטייערן מיט נישט־ווייניקער ווי 200 דאָלער, וועט אַריינגענומען ווערן אין דער „שותפות־ליסטע" וואָס וועט פאַרעפנטלעכט ווערן אין שער פון אַלבאָם;

ב. פריער־אַבאָנאַמענט

ווער עס וועט אונדז איבערווייזן אַ אַדערויף פון נישט־ווייניקער ווי 10 דאָלער, וועט זיך פאַרזיכערן פאָרצוג צו באַקומען דעם אַלבאָם, מיט אַ הנחה פון 20%, בעת זיין פּרייז וועט זיין ביי אַ 25 דאָלער.

אַדרעסירן:

וועלט־פעדעראַציע פון די פּוילישע יידן, דיזנגוף 158, תל־אביב (Israel)

teatrnn.pl

מחשבות נוגות על עתיד ה„לנדסמנשפטים"

אפרים איינשטיין / תל־אביב

למי אנו עמלים ?...

בעתון צהריים „מעריב" מיום 7.5.78 הופיע כתבה מארה"ב תחת כותרת מרעישה: „ללנדסמנשפטים יש בעיה — 30 מיליון דולאר שאין להם שימוש" ובכותרת מישנית „יש ארגוני מהגרים שחבריהם מתחלקים ברכוש, הכולל קרקעות יקרי־ערך", והכתב שמעון בייקר מסיים מפי עסקן הבקי במצב, לאמור: „מדי שנה גודל והולך מספר הארגונים, שחבריהם מחלקים ביניהם את הרכוש, משום שאין מי שיטפל ברכוש זה ואין גם כל ביקורת ציבורית. זו שערוריה".

כתבה זו שימשה לי השראה, לכתוב על הנושא „לנדס־מנשפטים", המתחיל גם אצלנו להיות נושא לויכוח ולתחזיות ומתחילים לשאול: מה יילד יום ולמי אנו עמלים?

בעידן שלנו, בתקופת הסילון מאד התקצרה הדרך בין ארה"ב לישראל, יכול אדם לאכול פת שחרית בתל־אביב ובאותו יום לאכול ארוחת צהריים בחוג משפחתו בניו־יורק, אולם עד לחלוקת כסף ציבורי בין עסקנים — אנו עדיין רחוקים וגם לא נגיע לכך. וזה לא מפני שהלנדסמנשפטים בישראל מרוצים „לגמור את השנה" ללא גרעונות ולא מפני „שבכס־רילבקה טרם נפטר מיליונר", אלא בגלל השוני המהותי והאר־גוני בין שני סוגי הלנדסמנשפטים באמריקה ובישראל ובעיקר זמן הופעתם כגורם חברתי רב ערך והשוני בהשפעתם.

ההגירה ההמונית לעולם החדש ובעיקר לארצות הברית החלה עוד בסוף המאה הקודמת ונמשכה עד פרוץ מלחמת העולם הראשונה והתחדשה עם סיום המלחמה. מאות אלפי יהודים חיפשו דרכים לצאת את הארצות אירופה המזרחית בהן חיו בגיטאות באוירה של פוגרומים, עלילות דם, קיפוח וללא אפשרות קיום ובהגיעם אחרי תלאות שנמשכו חדשים ואף שנים — למדינת קולומבוס, לא קיבלו את פניהם נציגי הסוכנות כבימינו, אלא פקידי משרד הגירה האמריקאי של אליס איילנד המפורסם, שהונצח במרטירולוגיה היהודית ובספ־רות „כאי הדמעות". רבים הוחזרו לאירופה לארצות מוצאם מפני שלא עמדו במבחן הבריאות, בעיקר בגלל מחלות עינים ואלה המאושרים שזכו לעבור את אי הדמעות בשלום, היו נתונים לגורלם הם וטבעי הדבר שצעדם הראשון היה לחפש בני עירם שקדמו להם. כך נוסדו והוקמו הלנדסמנשפטים בראשית המאה. זה היה כורח המציאות. המהגר היהודי בבואו לעולם החדש, לא מצא בו שום דמיון לאורח החיים שהוא השאיר מאחוריו ובלנדסמנשפט מצא עידוד, סעד נפשי ובמידה מסוימת גם סעד חומרי. כל זה היקל עליו את ההתאקלמות בעולם החדש והזר שלתוכו הוטל.

ארגון יוצאי לובלין באמריקה

הארגון הראשון של יוצאי לובלין הוקם באמריקה עוד בשנת 1909 תחת השם; „לובלינער עהרליך ברענטש 392" בחסות הארבעטער רינג. בין מקימיו היו פיליפ גרוסמן, אברהם פליישער וד"ר חיים דיאמנט. זה האחרון היה יליד בעכעווע אבל פעל והתמסר ל„לובלינער עהרליך ברענטש". בהתחלת שנות השישים הם בקרו בארץ, כבר אז היו זקנים פלוס. בהיותי בשנת 1973 באמריקה מצאתי רק את פיליפ גרוסמן בחיים והו זקן מופלג, עיוור במאה אחוז, התענין לדעת מה נשמע אצל הלובלינאים ושאל על מספר אנשים שאותם הכיר בהיותו בארץ.

כך הוקמו וצמחו הלנדסמנשפטים בארה"ב במשך 50־60 שנה והם, המייסדים ובני המייסדים וצאצאיהם, מהוים כיום היהדות האמריקאית האדירה, המשענת הפוליטית והחומרית הגדולה ביותר של מדינת ישראל.

בשנות הפריחה והשיא היו באמריקה למעלה מאלפיים לנדסמנשפטים וזה היה רק לפני 20־25 שנה, ואז החלה הירידה וכעת יש פחות מהחצי. לאן נעלמו? האם „סגרו את העסקים" והתחלקו בכסף כפי שמרמזת הכותרת של הכתבה הנ"ל? אני מפקפק בהימנותן של הרמזים שבכתבה, התשובה היא פשוטה למדי, ממש על סף היד. זה תהליך טבעי של חוק הטבע והזמן, אלא שני הגורמים השולטים ללא ערעור בהיסטוריה האנושית של הכלל והפרט כאחד. המצב שם עלול היה להיות יותר גרוע לולא ניצולי השואה שהחלו להגיע לארה"ב עם סיום המלחמה, והם הם שהזרימו דם חדש לאר־גונים העייפים מזיקנה ובהיותם הפעילים ביותר, עברה — במרוצת הזמן — ההנהגה לידיהם, אבל גם הם הזדקנו ולזקנה יש תופעות לוואי בלתי נמנעות; אפתיה, עייפות, אדישות ואגוצנטריות ואיני רואה את האמצעים ובאיזה תרופות אפשר לבלום תהליך זה המביא לידי חיסול של הלנדסמנשפטים.

בישראל — זה משהו אחר...

שונה הדבר לגבי הלנדסמנשפטים בישראל — שונה באופיו, בהיוצרותו, בעתוי הופעתו, בצביונו החברתי, במט־רותיו, אבל לא במסקנות על המשך קיומו. הלנדסמנשפטים בישראל צעירים מעמיתיהם בארה"ב בארבעים שנה בערך, מההגירה הגדולה שזרמה בכל הדדרכים לאמריקה, הגיעו רק רסיסים בודדים לפלשתינה דאז, היו אלה צעירים אידאליסטים שליבם לא היה להתארגנות על בסיס עיירתי. הלנדסמנשפטים הראשונים התארגנו בארץ בפרוס מלחמת עולם השניה, בשנים 42־43 כשהחלו להגיע בשורות איוב הראשונות מהנעשה בשטחי הכיבוש הגרמניים — לעם היהודי. הלנדסמנשפטים ביניהם גם של יוצאי לובלין ארגנו אז עזרה שנשלחו לפליטי היהודים לברית המועצות. ממדי השואה עדיין לא היו ידועים לציבור הרחב וגם לא למנהיגים, היקפם המחריד נודע רק קרוב לסיום המלחמה.

ראשוני ניצולי השואה החלו להגיע לארץ כשהבריטים עוד ישבו חזק בארץ־ישראל והעליה התקיימה בברכתם, ועל פי רוב בלי ברכתם. עם הכרזת המדינה החלו להגיע המוני יושבי המחנות שבנס ניצלו, פרטיזנים ויושבי הבונקרים ושארית הפליטה מברית המועצות. בתקופה ההיא ובשנים לאחר מכן החלה פעולה ענפה של הלנדסמנשפטים בארץ, שהחלו לחפש ולאתר בין הבאים את בני עירם, שנתקבלו בלבביות ובחמימות וגם סעד חומרי ונפשי הוגש להם בצורות שונות, לפעמים מעל יכולתם של הארגונים ומעודדים מהמפ־גשים הלבביים עם בני עירם, עזר להם הדבר לחפש את דרכם ולבסס את מעמדם בארץ החדשה ובתנאים הקיימים יכלו להסתגל ולהתאקלם לא בלחץ האכזרי של הזמן והסביבה. מה שההיפך מזה היה בארה"ב — וכאן מתחיל השוני הבולט ביותר בין הקשר של המהגר לארגונו בארה"ב ובין הקשר של העולה החדש לארגון של בני עירו בארץ. שם, באמריקה, תפקידי הארגונים היו מרובים מאד, דאגו למקומות עבודה ולדיור למהגרים ולקורסים ללימוד השפה האנגלית. לעומת זה בארץ תפקידים האלה היו על כתפי המדינה. שם השימוש בשפת אמו היה מוגבל מאד, רק בין ידידיו ובארגונו שפתו

היתה שימושית, מחוץ לתחום זה, הוא היה כאילם, לכן גם צרכיו התרבותיים סופקו לו ע״י הלנדסמנשפט. ההיפך מזה היה בארץ, כאן שפת אמו, אם זה היה יידיש או כל שפה אחרת, היתה שימושית בכל מקום, באוטובוס, בחנות, ברחוב, ובעיקר בכל משרד ממשלתי. הוא מצא כאן את העתון היומי בשפתו, גם הרדיו הממלכתי סיפק לו את החדשות בשפתו, גם תיאטרונים ביידיש ובשפות אחרות עמדו לרשותו, גם מופעים תרבותיים מכל הסוגים, בעיקר ביידיש, עמדו לרשותם, בכל עת שרצו בכך. זה גרם להם קורת רוח וההרגשה שלא נותקו כליל מהוי התרבותי מארץ מוצאם ומהבית, זה אמנם האיט במקצת את קצב ההסתגלות וההתבוללות בכברה הישראלית, אבל מוטב כך מהתאקלמות בקצב רצחני שקשה לעמוד בה וסופה מרירות ויאוש.

ללא אשליות

כעת השאלה המתבקשת מעצמה: מה העתיד הצפוי ללנדסמנשפטים בישראל בעשר שנים הקרובות? אין ברצוני לזרוע פסימיות, אבל נהיה קצת מפוכחים ונסתכל על הבעיה מזוית ראיה נכונה, ללא אשליות.

ארגון יוצאי לובלין בישראל המסונף להתאחדות עולי פולין, נחשב לארגון גדול מבחינה ארגונית וגם מבחינת מספר חבריו ומהיקף פעולותיו. לדעתי יש בארץ כ־2.000 — 2.500 יוצאי לובלין, שבעים אחוז מהם הגיע לארץ אחרי קום המדינה. עוד לפני 12 שנה באו לערבי יזכור למעלה מ־800 איש, כיום באים לערבי יזכור הנערכים ליד האנדרטה בנחלת יצחק כ־300 איש וזה ההתכנסות המרכזית של הארגון והאירוע החשוב ביותר של פעולותיו — להזכיר, לזכור ולא לשכוח מה עוללו לנו הגרמנים. כך הולכים המספרים ומתמעטים משנה לשנה וזה לא רק בגין הפטירות המדלדלות את השורות, זו ההזדקנות על כל תופעותיה השליליות לפי שהזכרתי לעיל.

כשאני בא למפגש או להתכנסות של הארגון אני רואה לפני ים של ראשי שיבה, (פרט לנשים, כמובן) והגיל מתחיל משישים ומעלה, לכן זה קצת מביך השאלה על „עתיד הארגונים״. אין תשובה חיובית על שאלה זו וגם אין למי להוריש אותם. הלנדסמנשפטים בנויים על תשתית נוסטלגי בעיקר ועל הוויי ומוצא משותף. ואל לנו להעמיס את הירושה הזאת על כתפי ילדינו שאין להם חלק ונחלה בכל מערכת הנוסטלגית הזאת. ספק, אם צעיר או צעירה פותחים פעם את ספר יזכור המקודש להוריהם שעלו ארצה אחרי המלחמה. בכל המפגשים, התכנסויות, ואסיפות שהשתתפתי בעשר שנים האחרונות, לא פגשתי אף צעיר או צעירה הבאים עם הוריהם להשתתף בהתרפקותם על עיר מוצאם של ההורים.

טובי הפרופסורים ומחנכים שוברים את ראשיהם: איך וכיצד להחדיר לדור הצעיר בארץ ובגולה את תודעת השואה ולקחה? זה עצוב מאד, אבל עובדה שאין להכחישה: הדור הצעיר זה שנולד אחרי המלחמה, השואה אינה פופולרית אצלם, והם מתרחקים מהנושא ויש להם מוטיבציה — לדעתם מוצדקת, לאי רצון זה, על אחת כמה וכמה לא יסכימו לקבל את ירושת הלנדסמנשפטים.

לכן עלינו להיות מוכנים, שבעתיד הלא רחוק גם אצלנו יתחילו להתחסל הלנדסמנשפטים הקטנים מחוסר חברים, ואין להטמין את הראש בחול ולהתעלם מהתהליך הטבעי שגם תור הגדולים יגיע.

טוב תעשה ההתאחדות עולי פולין, שכבר עכשיו תעלה את הנושא על סדר יומה ותתחיל לחפש דרכי ארגון חדשים. לדעתי יש לעבור מהתארגנות נפרדת של כל עיר ועיירה להתארגנות אזורית או מחוזית, זה בראש וראשון יציל את הארגונים הקטנים המתלבטים כבר כעת בבעית קיומם וזה יאריך בהרבה שנים את חייהם וקיומם של כלל הארגונים.

וטוב שעה אחת קודם.

צוזאַמענטרעף פון לאַנדסלייט אין מיאַמי, אין דער ווינונג פון שרה און סעם ברייטער (די ערשטע צוויי לינקס) מיט צעשע און כימאַן ווידעניוערג און נאָך לובלינער.

קבלת־פנים פאַר שמואל זילבערשער פון מעלבורן אין „לובלינער ווינקל״ אין תל־אביב. פון לינקס: דער גאַסט פון מעלבורן, אפרים איינשטיין, ד. שטאָקפיש, מ. וואַסאָנג, א. לאַסקאָווסקי, מ. אַרטמאַן.

cities as London, Brussels, Chicago or Sydney, where there are hardly any societies, Jewish life presents quite another face.

The future historian will undoubtedly find a very fruitful, interesing and scholarly subject to study if he takes up the landsmanschaften: when, how and why they appeared; was it necessary and justified to establish and promote such organizations? We, however, are meanwhile interested in an immediate question: do the landsmanschaften today also have a right to exist? Do they still have someting left to do?

Our answer is — certainly.

("Folk un Zion", Jerusalem, June 1978.
"Israel-Shtime", Tel-Aviv, 28.6.78.
"Hed Hairgun", Tel-Aviv, 1978).

the United Jewish Appeal, the Bonds, as well as the WIZO campaign, the Red Magen David, the "Vaad Lema'an HeHayal", the Histadrut, orphanages, yeshivot and other institutions in Israel. In the same way, the landsmanschaften in Israel gave large sums from their own funds for the Israeli Army and other worthy causes. It is no secret, however, that because of biological reasons a large number of landsmanschaften throughout the world have ceased to exist. Because the leaderships of the organizations were not concerned in time to prepare heirs and to transmit their heritage, property of great value was lost. The papers have even informed us that some committee-members of certain landsmanschaften in New York divided the remaining money among themselves. Does this same fate await the still existing landsmanschaften in the diaspora and in Israel?

Both because of the numbers and the assets of these societies, the landsmanschaften were and still are today an important force in this country and abroad. In the State of Israel there are more than 30 central organizations of immigrants from the various countries. In addition to these, there are about 110 landsmanschaften which belong to the Association (Verband) of Polish Jews, and it is possible that another 40 or 50 carry on their own activities independently without belonging to any central body.

In New York, too, there are at this very day about 1,200 landsmanschaften (of the 2,500 20--30 years ago). In Paris, two organizations of Polish Jews are functioning: the "Federation" and the "Verband". Both include former inhabitants of tens of cities and towns of pre-War Poland. In addition, a number of organizations of North African Jews are working sucessfully. The situation is similar in Buenos Aires, Montreal, Sao Paolo and Toronto. All of these would do well, even now, to apply themselves to a number of pressing tasks in order to preserve what they have and to keep it from falling into undesirable hands. At the same time they should continue to fill a number of tasks which would justify the continued existence of the landsmanschaften.

1. They must as swiftly as possible complete all the legal formalities to ensure that in the event of liquidation their properties would go to local or Israeli institutions. The accumulated material assets of the societies must not be left for the taking!

2. They must go on with the memorialization of the destroyed communities, with the help of a) memorial volumes in various languages, b) scholarships for pupils and students, c) grants for writers and artists, d) the maintenance of some institution or the establishment of a new one, e) initiating giving streets and institutions the names of the lost communities in Europe.

3. A central home for the elderly should be established in Israel to serve landsmanschaft members both abroad and in this country. A society's contribution to this purpose would give it a number of beds or rooms in the home.

4. High schools and Jewish schools should be led to adopt the lost Jewish communities, with the pupils of the educational institutions participating in the projects of the landsmanschaft.

5. A central archives of the landsmanschaften should be established, with the materials preserved in YIVO in New York, Yad ve'Shem in Jerusalem and Bet Hatfuzot (Diaspore House) in Tel Aviv.

6. Children and grandchildren should be attracted to the activity groups of the landsmanschaften.

D

While these lines are being written we have received an invitation from the World Union of North African Jews in Israel to attend a reception in honor of Yitzhak Navon, 5th President of Israel. The invitation was also signed by thirty other central organizations of Jewish ethnic groups and immigrants from various countries: Ethiopia, Iran, the USA and Canada, the USSR, Bohkaran Jews, England, Australia and New Zealand, Georgia, South Africa, Damascus, Hungary, India, Holland, Greece, Kurdistan, Libya, Morocco, Egypt, Syria, Poland, France, Roumania, Czechoslovakia, Turkey, Tunisia, Yemen and so on...

Some readers will be surprised by this long list and perhaps even say: unbelievable; Is it possible that in Israel, where everybody is striving to turn the Ingathering of Exiles into the Integration of Exiles, there is, in addition to the division into parties and "partylets" also such a fragmentation of forces, with every group of immigrants from any one land or town maintaining its own landsmanschaft organization?

What this means is nothing less than that the former inhabitants of some one country or town are possessed by a kind of collective "dybbuk" and want to keep together in their new domiciles, as they have done in New York and Tel Aviv, in Paris and in Buenos Aires. They all want to have their own home-like organization, with its budgets, statutes, "presidents", and most important a lot ot sentiment and memories of the old home. This kind of division does not hurt anyone. On the contrary — the societies hitch up to the organizational wagon more and more doers, spenders, Jews who because they still live with the past are prepared to support present-day activities so that tomorrow be better than yesterday... And for the most part the State of Israel is the gainer !

The fact remains that in those places in the diaspora where the landsmanschaften exist and are active Jewish organizational life looks quite different. High levels of identification with Israel and with local efforts are the clear signs of landsmanschaft activities. And on the other hand, in such

WHAT IS GOING TO HAPPEN TO OUR LANDSMANSHAFTEN?

DAVID SHTOCKFISH

A

This question has recently been raised by Jews who are active in a number of landsmanschaft organizations as well as by others who think the subject as relevant as last year's snow. However, while the former are expressing their worry and concern, the latter's questions are marked by sarcasm and even some spiteful glee. Still if the question is asked seriously it deserves an answer. As one who is somewhat acquainted with the subject I would like to answer it in the pages of our paper.

The polemics for and against landsmanschaften remind me somewhat of the debate over Yiddish. The anti-Yiddishists consider those still occupying themselves with the Yiddish language as idlers or simpletons, just as the opponents of the landsmanschaften mock those who cherish the memories of their old home and do not see any conflict between their love for the past and present-day activities. The Yiddish language, literature and culture cannot compete with Hebrew today but are rather a completion and a support. In the same way, the renewed and reinvigorated activites of the landsmanschaften will not stand in the way of other societies and organizations both in the diaspora and in Israel. So long as the "landsleit" of Warsaw and Lublin, of Kishinev and Odessa, of Damascas and Cairo, of Prague, Athens, Lodz or Radom feel a need to come together for both general and personal benefit their activities are to be welcomed.

The Jewish town in Europe before the Holocaust was an inexhaustible spring of spiritual values. Monumental creations of Yiddish literature and culture, theater and art, were born in the poor and suffering atmosphere of isolation and discrimination. Emigration overseas did not break this chain. The landsmanschaften had to serve as the continuation of these trends. After the loss of one-third of our people in Europe it most surely became necessary to establish new landsmanschaften and to activate the old ones. And they actually wrote a splendid page in the history of mutual aid and of the reconstruction of Jewish organizational life and of pro-Israeli activities.

For the older generation of emigrants until World War I and for those who came after the second world war to the United States, to the Latin American countries, to Australia and Canada, and to some European countries, their first address was always the landsmanschaft. Here the newcomer was sure of obtaining information and help in finding work, an apartment, and in learning of relatives and friends. However, in adddition to this aid to individuals, the landsmanschaften also distinguished themselves by their concern for the community. Significant sums of money came from across the seas to meet the organizational and institutional needs of many communities in Eastern Europe. The one-time inhabitants of the city or town who were organized in the landsmanschaften were occupied by the concern for their own needs in their new homes but also did not forget their old homes. Mutual links were established and joint interests were found. Help at that time from the "American uncle" was understood by everybody to mean help from the societies.

B

The establishment of the State of Israel and the mass immigration of the years 1948 to 1951 gave rise to new activities by the landsmanschaften. The newcomers first of all looked for fellow townsmen who had either revived their activity or set up new organizations. However, in addition to their general regular activities, most of the landmanschaften in Israel felt the need to memorialize the Jewish communities that had been wiped off the face of the earth by the Hitlerite nurderers. Hundreds of monuments were set up in the cemetaries of Kiryat Shaul, Nahlat Yitzhak and Holon. Some monuments were put up in "Martyrs' Forest" and the largest number of memorial stones for the communities were laid in the "Holocaust Cellar" of Yad Ve'Shem in Jerusalem. These all demonstrated the strong desire of those who had remained alive not to leave to forgetfulness the places from which they had come. A large number of scholarships for pupils, students and research workers in this country and abroad, in the names of the one-time communities, as well as the special cultural funds and literary grants which helped more than one Yiddish or Hebrew writer publish his work, with a mention and thanks to the landsmanschaft which had made it possible for the book to appear, were also worthy forms of memorialization.

The landsmanschaften are also the products of emotions, nostalgia and fond memories. They are almost the only places where those who came from the same town come into contact with each other, look for society and seek to renew the friendships from the old home. There is a special kind of reverence in the way the orphaned and lonely fellow-townsmen mark the "Yahrzeit" of their martyrs.

C

After the Six-Day War I found in the New York "Forward" a very long list of dozens of societies which had contributed millions of dollars to Israel and its army. Up until then, as now, the landsmanschaften in both Americas, Europe and Australia also made very large contributions to

ביי די לובלינער יידן אין פּאַריז

אונדזערע אונטערנעמונגען האָבן דערפאָלג

שרהלע גאָלדאַדלער

זונטיק, דעם 4טן יוני, האָבן מיר געהאַט אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג. אַ גרויסער עולם איז געקומען אויסהערן די אַלע גוטע גרוסן — און נאָך בעסערע איינדרוקן — וועלכע מיר האָבן איבערגעגעבן פון אונדזערע ברידער אין ישראל. די צוויי שיינע אויפנאַמעס פון אונדזערע גאַסטגעבערס און דער פרעכטיקער יום־העצמאות־באַל לכבוד 30 יאָר פון אונדזער מדינה. מיר האָבן אויך דערציילט פון די צוזאַמענטרעפן אין „לובלינער ווינקל" אויף דיזענגאָף־גאַס אין תל־אביב. די אַלע באַריכטן האָבן אונדזערע מיטגלידער אויסגעהערט מיט פיל אינטערעס, איבערהויפט — וועגן דער אָנגעשטרענגטער, איבערגעגעבענער אַרבעט פון פאָרזיצער דוד שטאָקפיש און די אַנדערע קאָמיטעט־מיטגלידער, אין שייכות מיטן איינאָרדענען דעם 2טן וועלט־צוזאַמענפאָר פון די לובלינער, וועלכע האָט זיך וווּנדערבאַר איינגעגעבן. ס'איז אויך פיל גערעדט געוואָרן וועגן דעם וויכטיקן זשורנאַל „קול לובלין", איבערהויפט דער לעצטער נומער 12, וואָס לויט מיין פערזענלעכער מיינונג, שטייט ער אויף אַ זייער הויכן ניוואָ און פאַרבינדט אונדז, ווי תמיד, מיט דער אומפאַרגעסלעכער היים — לובלין. ס'איז געווען קענטיק צווישן די פאַרזאַמלטע אַ באַדויערן מצד די, וואָס זענען נישט געפאָרן מיט דער גרופע קיין ישראל.

אַ וואָך שפעטער, זונטיק דעם 11.6, איז אין דעם פרעכטיקן פאַרק פון ווערבערי פאָרגעקומען דער יערלעכער אויספלוג פון די מיטגלידער פון אונדזער סאָסייטי. די גאַנצע וואָך האָבן מיר זיך געזאָרגט, צי ס'וועט זיין אַ שיין וועטער און צי ס'וועלן קומען די נייטיקע צאָל מענטשן. צו אַלעמענס צופרידנהייט, האָט די זון געשיינט און דערוואַרעמט די הערצער פון אונדזערע לובלינער און זייערע געסט. אָנשטאָט 80 פערזאָן, וועלכע מיר האָבן דערוואַרט, זענען מיט צוויי אויטאָקאַרן און עטלעכע פריוואַטע אויטאָס, געקומען מער ווי 100. דער טאָג איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג, אַ דאַנק די אַלע גוטע זאַכן וועלכע זענען צוגעגרייט געוואָרן אונטער דער אויפזיכט פון אונדזער לאַנדסמאַן מרדכי לערמאַן, דירעקטאָר פון ווערבערי.

אָבער נישט נאָר די גוטע מאכלים האָבן משפיע געווען אויף דער גוטער שטימונג. דער טאָג איז אויך געווען געווידמעט דער פייערונג 30 יאָר מדינת ישראל. פאַרנאַכט זענען אַלע אַהיימגעפאָרן צופרידענע און אָפגעפרישטע און זיך געווינטשן צו דערלעבן נאָך אַ סך אַזעלכע אויספלוגן. איבערהויפט האָבן מיר זיך געווינטשן, אַז מדינת ישראל זאָל קענען לעבן אָן שרעק און אָן בלוט־פאַרגיסונג.

ווי אַלע יאָר, איז אויך דאָסמאָל געזאַמלט געוואָרן פאַר ישראל אַ גרויסע סומע. איך וויל זאָגן, אַז אונדזערע אונטערנעמונגען האָבן זיך קונה־שם געווען מיט זייער דערפאָלג. מיר לובלינער, מעגן זיין צופרידן און אויך אַ ביסל שטאָלץ פון אונדזער אַרבעט. צום באַדויערן, מוז מען נאָך אַלץ ריידן וועגן צוויי לובלינער סאָסייטיס אין פאַריז...

קולטורעלער זומער־יום־טוב ביי די לאַנדסלייט

משה זאַלצמאַן

דאָס פאַרענדיקן דעם קולטור־סעזאָן מיט אַן אויספלוג, איז שוין ביי די לובלינער אַ טראַדיציע, וואָס פאַרשאַפט טאָקע אַ סך זאָרגן, צי די מיטגלידער, וואָס האָבן אַריינגעשפרייזט אין דריטן עלטער, וועלן קענען אָנטייל נעמען, און דערצו איז דער דערפאָלג שטענדיק אָפהענגיק פון וועטער. דערפאַר זענען די הערצער פון די אָרגאַניזאַטאָרן אָנגעפולט געוואָרן מיט פרייד, ווען יענעם פרימאָרגן האָט אויפגעשיינט די וואַרעמע זון און 9 אין דער פרי זענען די צוויי אויטאָבוסן מיט די אָנטיילנעמערס אָנגעקומען אין דעם שיינעם פאַרק פון ווערבערי, ווו מען כאַפט זיך צו צו דעם בופעט אונטערן פרייען הימל מיט כל טוב, וואָס די אונטערנעמונג־קאָמיסיע משהלע און ראַשעל ראָזענבלום האָבן זאָרגפול צוגעגרייט. טעשקע קאָרמאַן און גיטעלע עדעלשטיין אָרגאַניזירן אַ ביכער־סטאַנד, ווו עס זענען פאַרקויפט געוואָרן די ביכער פון משה שולשטיין, לילי בערגער, גראַיעק און משה זאַלצמאַן. ס'איז אויך צאָלמעסיק פאַרשפרייט געוואָרן דער 6טער נומער פון דער „פאַריזער טריבונע".

ביי מיטאָג איז דער עולם פאַרזאַמלט אין די צוויי גרויסע זאַלן. משהלע ראָזענבלום עפנט דעם אָפיציעלן טייל, באַגריסט די לובלינער און די געסט וואָס באַזוכן אָפט די לובלינער אונטערנעמונגען. דערמאָנט אַז מיר האָבן היינט אַ דרייפאַכיקן יום טוב: 30 יאָר מדינת ישראל, 11 יאָר פון דער פאַראייניקונג פון דער אייביקער שטאָט ירושלים און שבועות. ער באַגריסט אין נאָמען פון קאָאָרדיניר־קאָמיטעט די דריי אַקטיווע טוערס: שמואל שאַפּיראָ, טעשקע קאָרמאַן און משה זאַלצמאַן צו זייער 70 יאָריקן יובילעאום און טיילט יעדן אויס אַ באַשיידענע מתנה. שרהלע גאָלדאַדלער באַגריסט און שיקט אייבער אַ רפואה שלימה די קראַנקע מיטגלידער: דעם פאָרזיצער זשאַק גאָלדבוים און אברהם ראָטשטיין און לייענט איבער די צוגעשיקטע באַגריסונגען פון די קאָמיטעט־מיטגלידער וואָס געפינען זיך אויסער פאַריז: גאָלדרייך, דאָנערשטיין און האָס.

נאָך דעם געשמאַקן מיטאָג, האָט דער שרייבער פון די שורות געגעבן אַ קורצן רעפעראַט וועגן דעם יום־טוב שבועות און 30 יאָר מדינת ישראל.

„די יידן אויף דער וועלט זענען שותפים צום לאַנד און מוזן און דאַרפן טראָגן דעם שווערן עול און זאָרג, מאָראַליש־פּאָליטיש און פינאַנסיעל פאַר דער מדינה". ער פאַרענדיקט מיט אַ רוף אָנצוהייבן די יערלעכע מגבית־אַקציע פאַר 1978.

די פריינד שמואל שפּיראָ, פייגעלע זאָבערמאַן און טעשקע קאָרמאַן טרעטן צו צו דער זאַמלונג. מיט צופרידנקייט קענען מיר פעסטשטעלן, אַז די אָנוועזנדיקע האָבן זיך פּאָזיטיוו אָפגערופן.

48 מנדבים האָבן אַריינגעבראַכט 4 מיליאָן דריי הונדערט טויזנט אַלטע פראַנק. דאָס גיט אונדז די פאַרזיכערונג, אַז מיר וועלן הייַ־יאָר איבערשטייגן די סומע וואָס מיר האָבן געזאַמלט דאָס פאָריקע יאָר.

דער אַרטיסטישער פּראָגראַם איז מיט גרויס דערפאָלג אויסגעפירט געוואָרן פון באַליבטן סאָליסט פּאָל סטאַראָשוויעצקי.

ס'האָב אויך אָנטייל גענומען אין פּראָגראַם, מיט זינגען לידער: טעשקע קאָרמאַן, חוה לעווינבוים, פרוי קענסטלער און גיטעלע עדעלשטיין.

אַזוי האָט מען אין אַ פריילעכער, וואַרעמער, קולטורעלער אַטמאָספער פאַרברענגט אַ שיינעם, איינדרוקספולן טאָג.

לובלינער ייִדן אויף דער התונה פון דער טאָכטער פון דבורה און מתתיהו האַרן.

צו קאָמפּלעטירן דעם אַרכיוו פון דער לובלינער לאַנדס־מאַנשאַפט אין ישראל

פעלן אונדז אייניקע נומערן פון „קול לובלין" („לובלינער שטימע") . 1, 2, 3, 6, 7, 8, 9.

אונדזער בקשה : אַריינשיקן ווי אַמשנעלסטן די דערמאָנטע נומערן פון אונדזער אויסגאַבע, אויף דעם אַדרעס :

ארגון יוצאי לובלין בישראל
דיזנגוף 158, ישראל

ת י ק ו ן ט ע ו ת

משטרת ישראל

המטה הארצי / אגף החקירות
יח' ארצית לחקירות הונאה

כ"א אייר תשל"ח (28.5.78)

לכבוד
ארגון יוצאי לובלין
ת ל ־ א ב י ב

הנדון : קול לובלין מס' 12 — תיקון טעות.

בעמוד 20 של הגליון הנדון כתוב :
„. . . ד"ר פלינסקי (כיום תת־ניצב בנימין זיגל) . . ."

עלי להסב תשומת לבכם לטעות שנפלה אשר אבקש לתקנה והוא : ד"ר פלינסקי ז"ל שרת במשטרת ישראל כפקד ויצא לפנסיה, וזמן קצר אחרי זה נפטר.

לגבי אמנם שרתי כאמור בכתבתכם בצבא הפולני, אבל לא בשם ד"ר פלינסקי.

בכבוד רב,

ב. זיגל, תת־ניצב
ראש יא"ח הונאה

געזעגענונג־אָוונט פאַר צעשע און סימאָן זיידנוועג

דעם 22.5.78 איז אין „לובלינער ווינקל" אין תל־אביב פאָרגעקומען אַ מסיבה לכבוד צעשע און סימאָן זיידנוועג, וואָס האָבן צוליב פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן געמוזט צוריקפאָרן קיין ריאָ און דערנאָך — מיאַמי.

וועגן די פאַרדינסטן פון די זיידנווערגס פאַרן אירגון יוצאי לובלין אין ישראל, האָבן גערעדט: ד. שטאָקפיש, מ. האָרן, א. לאַסקאָווסקי און א. איינשטיין. סימאָן האָט אין נאָמען פון זיין פרוי און אין זיין אייגענעם נאָמען האַרציק באַדאַנקט דער לובלינער משפחה אין לאַנד פאַר דער פריינדשאַפט, צוזאַמענאַרבעט און וואַרעמקייט, וועלכע מען האָט זיי אַרויסגעוויזן און דערביי פאַרזיכערט צו זיין מיט אונדז אין כסדרדיקן קאָנטאַקט.

געזעגנונגס־צוזאַמענטרעפן פאַר די זיידנווערגס זענען אויך פאָרגעקומען אין די היימען פון די פאַמיליעס פאַכטשאַש און שטאָקפיש.

קבלת־פּנים פאַר בראָניע און יאָסקע בוים פון מאָנטרעאַל

אַ געלונגענער קבלת־פּנים פאַר די חשובע געסט פון מאָנטרעאַל, בראָניע און יאָסקע בוים, קאָמיטעט־מיטגלידער פון דער אָרטיקער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט, איז פאָרגעקומען דעם 19טן יוני ה.י. אין „לובלינער ווינקל" אין תל־אביב. נאָך דער באַגריסונג פון פאָרזיצער, האָבן די געסט דערציילט פון אונדזערע לאַנדסלייט אין מאָנטרעאַל און אויך זיך געטיילט מיט זייערע איינדרוקן פון ישראל.

אויפן קבלת־פּנים זענען אויך געווען אַנוועזנד לובאַ און משה קאָרן.

„עס ווילט זיך נאָך אַמאָל באַזוכן ישראל"

בראָניע און יאָסקע בוים / מאָנטרעאַל
(פון אַ בריוו)

הגם מיר האָבן באַזוכט ישראל זעקס וואָכן נאָכן וועלט־צוזאַמענטרעף, האָבן מיר נאָך אַלץ געפילט די אַטמאָספער און גאַסט־פריינטלעכקייט פון יענער וויכטיקער געשעעניש. מיר ווען נישט פאַרגעסן דעם קבלת־פּנים פאַר אונדז אין „לובלינער ווינקל" אין תל־אביב, איינגעאָרדנט דורך אייער קאָמיטעט. ס'איז געווען אַ זעלטענע געלעגנהייט צו טרעפן זיך מיט פריינד און באַקאַנטע. עס געדענקט זיך צום גוטן די אויפנאַמעס אין די היימען פון די פאַמיליעס: שטאָקפיש (ווו מיר האָבן אויך געטראָפן פישל ראָזענבוש), פאַכטשאַש און פעלדמאַן.

מיר זענען אויך אַ סך אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד און געזען אינטערעסאַנטע היסטאָרישע ערטער. אַ געפיל איז געווען ביי אונדז, אַז מיר האָבן אין ישראל אַ גרויסע משפחה פון לובלינער יידן, וואָס וויל דיך גערן זען און אויפנעמען. עס גלוסט זיך ווידער אַמאָל צו באַזוכן ישראל.

ביי אונדז אין מאָנטרעאַל גרייט מען זיך צום פייערלעכן מיטינג, וועלכער וועט פאָרקומען סוף אָקטאָבער, אויף וועלכן מיר וועלן אויך אָפּמערקן דעם 65סטן געבוירנטאָג פון אונדזער פּרעזידענט נפתלי זימעלשטערן.

מיר ווינטשן אַלעמען אַ גוט יאָר !

אַ גרוס פון אַרגענטינע

די ערשטע זיצונג נאָך די וואַקאַציעס איז פאָרגעקומען אונטערן פאָרזיץ פון פּרעזידענט דניאל קלאַוויר. ער האָט רעפערירט וועגן אָנהויבן דעם טעטיקייט־זמן מיט דער פייערונג פון 30 יאָר מדינת ישראל און עס וועט באַשלאָסן איינצואָרדענען דעם יום־טוב אין הויז פון אונדזער קאַסיר, ישראל טעמפּעלדינער.

דער סעקרעטאַר קאָפל מיזשעריצקי גיט אָפּ אַ באַריכט וועגן דער זיצונג פון צענטראַלן קולטור־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן, צוזאַמען מיט פאָרשטייער פון די לאַנדסלייט פאַריינען און די באַריכטן פון מאַרק טורקאָוו און פאַלוק וועגן דער וועלט־קאָנפערענץ פון פוילישן יידנטום, וואָס איז פאָרגעקומען אין תל־אביב, ווו עס איז באַהאַנדלט געוואָרן דאָס איינאָרדענען אין לאַגער פון אוישוויץ אַ יידישן פּאַווילאָן וואָס זאָל אָפּשפּיגלען דעם אומקום פון יידן אין דאָרטיקן לאַגער.

פריינד זילבערבערג פון בוענאָס־איירעס צו גאַסט אין ישראל

דעם 15טן יולי 1978 איז אין „לובלינער ווינקל" אין תל־אביב פאָרגעקומען אַ קבלת־פּנים פאַרן גאַסט פון בוענאָס־איירעס, פאַרוואַלטונג־מיטגליד פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַרגענטינע — פריינד זילבערבערג. נאָך אַ ריי באַגריסונגען, האָט דער גאַסט איבערגעגעבן אַ גרוס פון אונדזערע לובלינער יידן אין בוענאָס־איירעס.



מענדל זינגער ז״ל

גרויס צער האָט אַרויסגערופן דער פלוצלינגער און פריצייטיקער טויט פון מענדל זינגער. ער איז געשטאָרבן אין ראשון־לציון דעם 22סטן פעברואַר 1978, אין עלטער פון 56 יאָר. זיין אַוועקגיין פון דער וועלט האָט פאַרשאַפט גרויס ווייטיק דער משפחה, זיינע אומצאָליקע פריינד און באַקאַנטע, ווי אויך ברייטע קרייזן וועלכע זענען געווען פאַרבונדן מיט דער בוי־אינדוסטריע.

מענדל איז געבוירן אין יאָר 1922 אין לובלין, ביי עלטערן־סוחרים. ער איז דערצויגן געוואָרן אין נאַציאָנאַל־פּאַרגעשריטענעם גייסט. טריישאַפט צום יידישן פאָלק און ליבע צו ארץ־ישראל האָט ער אין זיך איינגעזאַפּט אין די יונגע יאָרן. נאָכן ענדיקן די פוילישע פאָלקס־שול פאָרט ער אַרויס זיך לערנען אין אַ יידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער מיטלשול, וווּ ער לערנט אויך די העברעישע שפּראַך. ער באַווייזט אָבער נישט צו ענדיקן די לימודים צוליבן אָנפאַל פון דער נאַצישער בעסטיע אויף פּוילן אין יאָר 1939. צוזאַמען מיט הונדערטער טויזנטער יידן אַנטלויפט ער קיין ראַטנפאַרבאַנד.

זייענדיק אַליין אין אַ פרעמדער סביבה, אָן עלטערן און פריינד, אַנטפּלעקט זיך דער זעלטענער כאַראַקטער פון 18־יאָריקן מענדל: זיין שטאַרקער ווילן איבערצולעבן די שווערע צייט, זיין אַרבעטזאַמקייט, ערלעכקייט און גרייטקייט צו העלפן יעדן נויטבאַדערפטיקן. מענדל אַליין איז קיינמאָל נישט געפאַלן ביי זיך, טראָץ די שווערע לעבנס־באַדינגונגען. ער האָט שטענדיק צוגעגעבן מוט אַלעמען, מיט וועמען ער איז געווען אין קאָנטאַקט, ספּעציעל די יידן, וואָס זענען פונקט ווי ער אַנטלאָפן פון די דייטשע רוצחים. צו ערשט געפינט ער זיך אין אַ קליין שטעטעלע אין דעם גרויסן רוסישן לאַנד. אין אַ קורצער צייט ווערט ער אַרעסטירט, באַשולדיקט אין פאַראַט און ווערט פאַרשיקט אין אַרבעטס־לאַגער. נאָר אויך די מאָראַלישע און פיזישע שוועריקייטן דאָרט צעברעכן נישט זיין מוט און האָפענונג. ער שרעקט זיך נישט פאַר קיין שווערע אַרבעט. אויך אין לאַגער, ביי די שווערסטע באַדינגונגען, איז ער שטענדיק גרייט צו העלפן עלטערע און שוואַכערע מענטשן, זיי דערמוטיקן. ער דערציילט זיינע פריינד וועגן זיין האָפענונג, אַז נאָכן באַפרייען זיך פון לאַגער און פאַרענדיקן זיך פון דער מלחמה, איז זיין לעבנס־ציל צו באַזעצן זיך אין ישראל.

ווען מענדל קערט זיך צוריק קיין פּוילן, אין סוף 1947, דערוויסט ער זיך די טרויעריקע נייעס, אַז ער איז געבליבן איינער אַליין — אָן טאַטע־מאַמע, אָן ברידער און שוועסטער. קיינער פון זיין גרויסער משפחה איז נישט ביים לעבן. דער נאַצישער מערדער האָט אומגעבראַכט זיין גאַנצע פאַמיליע. נאָר טראָץ דעם גרויסן אומגליק, ווערט מענדל נישט צוזאַמענגעבראָכן. ער באַשליסט צו רעאַליזירן זיין לעבנס־טרוים נאָך פון די קינדער־יאָרן — עולה זיין קיין ארץ־ישראל. ער שליסט זיך אָן אין איינעם פון די צוגרייטונג־קיבוצים פון דער „באָראָכאָוו־יוגנט״ אין לאָדזש. דאָרט באַקענט מענדל זיין צוקונפטיקע פרוי, פאָלאַ (פנינה) מייערפעלד. אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן זיי חתונה. ווען עס ברעכט אויס די באַפרייאונגס־מלחמה אין ישראל, פאָרן מענדל מיט זיין פרוי, אַרויס פרייוויליק אין די איבונג־לאַגערן, אין נידערשלעזיע, כדי אויסצושולן קאַדערן פאַר די באַוואָפנטע כוחות אין ישראל. סוף 1948 קומען מענדל מיט זיין פרוי קיין ישראל, טרעטן אַריין אין קיבוץ יגור. מענדל, וואָס האָט געקענט די העברעישע שפּראַך, און אויך זיין קענטעניש אין לאַנדווירטשאַפט, פּאַסט זיך לייכט צו צו די נייע באַדינגונגען.

נאָך אַ יאָר פאַרלאָזט ער דעם קיבוץ און באַזעצט זיך אין ראשון־לציון, ווו ער הייבט אָן בויען זיין היים ביי שווערע באַדינגונגען, אין אַ צעבראָכענער, הילצערנער הייזקעלע, מיט אַ פּיצעלע קינד. אָבער מענדל ווערט נישט פאַרצווייפלט. ער הייבט גלייך אָן אַרבעטן אין איינעם פון די דאָרטיקע פרדסים, וווּ ס׳אַנטפּלעקט זיך זיין אַרבעטזאַמקייט און פאַך־קענטעניש. אין אַ קורצער צייט אַרום גייט מענדל אַריבער אַרבעטן ביי בנין. דאָ ווייזט ער אַרויס ווילן צו דערגענצן זיין פאַך־קענטעניש. ער לערנט אין די אָוונטן די נייע פּראָפעסיע. ס׳נעמט נישט קיין סך צייט און מענדל ווערט דער אויסגעשולטער מייסטער אין רוב צווייגן פון דער בוי־אינדוסטריע. זיין קבלן באַשטימט אים אַלס פאַראַנטוואָרטלעכן. מיט דער צייט נעמט מענדל אַליין איבער אויסצופירן זעלבשטענדיקע בוי־אַרבעטן מיט אַ שיתוף.

מענדל איז שטאַרק מצליח אַ דאַנק זיינע גרויסע פאַך־קענטענישן און איבערהויפּט — זיין אַרבעטזאַמקייט און אויסערגעווייגלעכער ערלעכקייט, וועלכע זענען געוואָרן אַ שם־דבר אין ראשון־לציון און אומגעגנט.

אַלע יאָרן האָט זיך מענדל אויסגעצייכנט מיט זיין פאָלקסטימלעכקייט. ער האָט קיין מאָל נישט געשטרעבט צו באַרייכערן זיך אויף יענעמס חשבון, ווי אויך נישט געזוכט רייך צו ווערן אויף אַ לייכטן אופן.

איז נישט קיין ווונדער וואָס מענדל האָט זיך דערוואָרבן פיל פריינד און איז געווען באַליבט ביי אַלעמען. אין דעם גייסט פון זיין לעבנס־וועג האָט ער אויך דערצויגן זיינע צוויי זין, געבוירענע אין ישראל. אַליין אַ טרייער זון פון זיין פאָלק און ערלעכער בירגער פון מדינת־ישראל, איז ער געווען אַ מוסטער פאַר זיינע אונטערוואַקסנדיקע קינדער. מענדל האָט אָנטייל גענומען אין אַלע מלחמות, וועלכע זענען אויפגעצוווּנגען געוואָרן אויף מדינת־ישראל, אָנהייבנדיק פון וואָרן אויף מדינת־ישראל.

מענדל האָט פאַריתומט זיין פרוי פנינה, צוויי זין, דני און יעקב און זייערע פרויען שרה און חנה און דריי יונגיטשקע אייניקלעך. מענדלס אָנדענק וועט לאַנג בלייבן אין זכרון ביי זיינע פריינד און באַקאַנטע.

כבוד זיין אָנדענק!

חיים מייערפעלד

לייבל פינקערט ז״ל

די לובלינער משפחה אין ישראל איז איינגעהילט אין טרויער צוליבן טויט פון דעם איבערגעגעבענעם לאַנדסמאַן — לייבל פינקערט ז״ל.

ווען די אויסגאַבע איז שוין געווען פאַרטיק צום דרוק, איז אַוועק אין דער אייביקייט לייבל פינקערט — פון די האַרציקע לובלינער יידן, וואָס זיין פשטות, ערלעכקייט און פאָלקסטימלעכקייט זענען געווען אַ שם־דבר סיי אין דער אַלטער היים, סיי אין מדינת ישראל.

לייבל פינקערט איז געבוירן געוואָרן אין לובלין מיט 67 יאָר צוריק. פון דער פריער יוגנט — אַן אַרבעטס־מענטש, איז ער אויך אין ישראל נישט אַוועק פון זיין פאַך. אַלע יאָרן געווען אַקטיוו אין „בונד״, אין לובלין, ווי אין ישראל.

אַ גרעסערע אָפּשאַצונג וועגן דעם פאַרשטאָרבענעם — אין נאָענטסטן נומער „קול לובלין״.

לאָמיר זיי דערמאָנען

אויך אין דעם נומער „קול לובלין״ ברענגען מיר נאָטיצן און בילדער פון לובלינער געשטאַלטן, וואָס זייערע קרובים ווילן זיי פאַראייביקן אין אונדזער אויסגאַבע.

מיין טאַטע דער קדוש ר׳ בינעמל קאַצקער — ווי איך געדענק אים

דערציילט פון משה קאָרן (טאַשעמקאַ)   פאַרשריבן: א. זאַמדער

פון מיין פאָטער ע״ה איז נישט געבליבן קיין שום בילד, ווייל אַזאַ פרומער ייד ווי ער, וואָלט בשום אופן נישט געלאָזט זיך פאָטאָגראַפירן. אָבער זיין געשטאַלט, זיינע מנהגים, זיין טיפע אמונה, זיין ערלעכקייט און תמימותדיקייט — זענען טיף־טיף איינגעקריצט אין מיין האַרץ און זכרון. דעריבער וועל איך זיך באַמיען אַרויסברענגען אייניקע שטריכן און דערינערונגען וועגן דאָזיקן ייד, וואָס הגם נישט קיין עסקן, נישט קיין גביר — איז ער געווען איינע פון די פאָפולערסטע געשטאַלטן צווישן דעם 45־טויזנט קעפּיקן יידישן ישוב אין דער עיר ואם בישראל, לובלין. אויב בינעמל קאַצקער איז געווען אַ שם־דבר אין אונדזער היימשטאָט, אַ יוצא דופן, איז עס דער עיקר צו פאַרדאַנקען זיינע צוויי כאַראַקטער־שטריכן: עניות (אָרעמקייט) און עניוות (באַשיידנקייט). נאָר איבער די צוויי האָט דאָמינירט די פרומקייט, וועלכע ווייסט נישט קיין פשרות; פון טרייען אָפּהיטן די תרי״ג מצוות; פון נישט מוותר זיין אויף קיין אות פון שולחן־ערוך.

א

ווען איך האָב זיך מיט אים געזעגנט אין יאָר 1939, פאַרלאָזנדיק לובלין צוליב דער היטלעריסטישער געפאַר, איז ער אַלט געווען בסך־הכל 50 יאָר. יענע טראַגישע מינוטן פון צעשיידונג האָבן מיך באַגלייט — און באַגלייטן מיך אויך איצט — אומעטום ווו כ׳געפין זיך. אַזאַ אייגנאַרטיקע געשטאַלט טאָר נישט אַוועק אין דער פאַרגעסנקייט. וועל איך זיך באַמיען צו דערציילן געוויסע פאַקטן און געשעענישן אינעם לעבן פון דעם קדוש ר׳ בינעמל.

בינעמל טאַשעמקאַ איז געבוירן געוואָרן אין קאָצק אין יאָר 1889 אָדער 1890. דער נאָמען פון זיין געבוירן־שטאָט איז מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין זיין צונאָמען, וועלכער האָט אים שוין באַגלייט אַלע יאָרן. ער האָט געשטאַמט פון אַ שטרענג אָרטאָדאָקסישער היים. פרנסה פאַר זיינע עלטערן און די פיר קינדער האָט מען געצויגן פון אַ טאַבאַק־געוועלב. אַ סברה, אַז די געשעפטן זענען נישט געווען קיין פויגלדיקע, ווייל די משפחה טאַשעמקאַ פאָרט קיין מיעכיוו, נאָך פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דערנאָך וואַנדערט מען ווייטער — קיין לובלין.

בינעמל האָט יונג חתונה געהאַט מיט פריידען, די רייכע טאָכטער פון אברהמעלע נאַלעשניקער, וואָס האָט אויפן שאָסיי פיוסק־כעלם געהאַט אַ פאָלוואַרק אין נאַלעשניקי, מיט קי, עופות און פעלדער. מיין מאַמע פריידע ע״ה איז געווען די צווייטע טאָכטער. ווען זי איז אַלט געוואָרן 16 יאָר, איז מיין זיידע אַוועק צום ראש הישיבה אין קאָצק און געבעטן פאַר איר אַ זיווג, מיט אַ צוזאָג פון שטענדיקע קעסט פאַרן איידעם, וואָס דאַרף זיין אַ בעל־תורה. מיין מאַמע, אַ שיינע, הויכע פרוי, האָט שפּעטער דערציילט, אַז ווען זי האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען אונטער דער חופה איר מאַן — אַ נידעריקער, דאַרער ייד, איז איר גלייך באַפאַלן אַ מחשבה: „אויב דער טאַטע האָט אויסגעזוכט דעם שידוך — מן הסתמא דאַרף אַזוי זיין״...

און אַזוי איז טאַקע געווען! נאָך דער חתונה האָט דער טאַטע זיך אָנגעטאָן אַ פאַטשיילע אויף די אויגן, אַז זיין בליק זאָל, חלילה, נישט פאַלן אויף אַן אַנדערע פרוי, הגם בדרך כלל איז ער יום ולילה געזעסן איבער אַ ספר און געלערנט. נאָר אין אַ ספר זענען פאַראַן אויך קליינע אותיות און ר׳ בינעמל האָט איין מאָל דערפילט, אַז ער זעט שוואַך. דער דאָקטער האָט געשטעלט דעם דיאַגנאָז און אויך פאַרשריבן די רעצעפּט: גלייך אַראָפּנעמען די פאַטשיילע פון די אויגן, אַנדערש דראָט אַ געפאַר בלינד צו ווערן. קיין געלט צו באַצאָלן אַן אויגן־דאָקטער אַ ספעציאַליסט — איז דאָך נישט געווען. דאָס זעלבע — צו קויפן ברילן.

צו יענער צייט איז מיין זיידע דער גיט־באַזיצער שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרן. אַז די דייטשן האָבן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה זיך צוריקגעצויגן פונעם אָנגרייפערישן רוסישן מיליטער, האָבן זיי פאַרברענט דעם פאָלוואַרק. מיטן לעצטן ביסל אָרעמקייט זענען זיידע־באָבע אַוועק קיין פיוסק. דאַקעגן דער טאַטע האָט פון אַ בידנער ירושה וועלכע איז פאַרבליבן פון זיינע עלטערן, זיך איינגעשאַפט אַ בויד אויפן יידישן טאַרג אויף לובאַרטאָווסקע, אין וועלכער מ׳האָט ביי טאָג געקענט קויפן אַ פאַר שיך־בענדלעך, האָרנאָדלען, קנעפּלעך, טאַשמעס, נאָדל־פאָדעם און אַנדערע קליין־גאַלאַנטעריע. די קראָם איז נישט געווען קיין גרויסע, דער אויסוואַל פון די סחורות — אַוודאי נישט.

והראיה, יעדן פאַרנאַכט האָט מען אין עטלעכע שאַכטלען אַלץ געטראָגן אַהיים, כדי צומאָרגנס גאַנץ פרי ווידער עס ברענגען אין דער בויד.

ב

דער עול פון פרנסה איז געלעגן אויף דער מאַמען. זי איז געווען די סוחרטע און שטובבאַלעבאַסטע, בעת דער טאַטע האָט נישט אויפגעהערט לערנען אין די טעג, ווי אין די נעכט. ווען אַ קינד איז געוואָרן קראַנק, איז די מאַמע געבליבן מיטן קינד אין שטוב און דער טאַטע איז אַוועק צום מ׳שטיינס־געזאָגטן מסחר. אַז אין בויד האָט זיך באַוויזן אַ קונה אַ פרוי, האָט דער טאַטע זיך אויסגעדרייט, כדי נישט קוקן אויף אַ פרעמדער אשה, וואָס נישט איינע פון זיי, אַ קריסטין צי אַ יידישע, האָט אויסגענוצט די פרומקייט פונעם פאַרקויפער און עפּעס צוגעגנבעט. פון אַזעלכע פאַלן איז געוואָרן ווייניקער סחורה, אָבער קיין געלט איז דערפון נישט צוגעקומען...

אין לובלין האָבן מיר געוווינט אויף שעראַצע 3, אין הויז פון מרדכי פּייוול ראָזענצווייג, וואָס איז אויך געווען דער אייגנטימער פונעם הויז אויף לובאַרטאָווסקע 32. דער דאָזיקער ייד האָט אויך געהאַט אַ מיל. אונדזער דירה איז באַשטאַנען פון אַ קליין שטיבל, ווו מ׳האָט נישט געקענט אויפשטעלן אַ סך בעטן פאַר אַלעמען, בין איך טאַקע געשלאָפן מיטן טאַטן. אַזוי ווי ר׳ בינעמל איז געווען אַ גרויסער מכניס אורח און אָפט געבראַכט אַהיים אַ גאַסט צום שלאָפן, איז דער אורח געלעגן מיטן טאַטן צוקאָפּנס פון בעט, און איך — צופוסנס פוןביידע. נישט נאָר דאָס בעט האָט דער טאַטע געטיילט מיטן אורח, נאָר אויך די אָרעמע וועטשערע.

אַ געוויסן זומער־טאָג, איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר 11, געדענק איך ווי מיין טאַטע איז געזעסן אין הויף און אַריינגעקוקט אין אַ ספר. מיט אַמאָל באַווייזט זיך דער בעל־הבית פון הויז און זאָגט:

— גוט מאָרגן, ר׳ בינעמל, וואָס מאַכט אַ ייד?

דערזעענדיק די פאַרזאָרגטע מינע פון טאַטן, רופט זיך אָן מרדכי פּייוול:

— דאגהט נישט, בינעמל. איך ווייס אַז איר צאָלט נישט דירה־געלט שוין אַ לענגערע צייט, נאָר איר דאַרפט זיך נישט איי־בערעמען דערמיט. ס׳איז פאַר מיר דער

גרעסטער כבוד צו האָבן ביי זיך אין הויז אַזאַ לאָקאַטאָר. אויך אויף להבא זייט איר באַפרייט פון צאָלן דירה־געלט...

ג

די געגנט וווּ מיר האָבן געוווינט, איז געווען אַ קריסטלעכע, ד. ה. — מערער באַוווינט פון פאָלאַקן ווי פון ייִדן. אין יענעם ראַיאָן איז געווען באַקאַנט דער קריסט מיטן נאָמען לאַמפאַס, אַ לאָקאַטאָר אין אונדזער הייזל, אַן אינוואַליד פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַן אונטערוועלט־מענטש, פאַר וועמען יונג און אַלט האָט מורא געהאַט. אַ סברה, אַז דער לאַמפאַס, האָט אַוודאי צוליב אַנדערע מאָטיוון, געשעצט און געאַכטעט דעם טאַטן, ווייל ער האָט אָנגעזאָגט די שקצים אַרום, זיי זאָלן נישט וואָגן אָנצורירן דעם הייליקן. „קאַשטשי פאָלאַמיען טעמו צאָ דאָטקניע טעגאָ שוויענטעגאָ" („די ביינער וועל איך אָנברעכן דעם וואָס וועט אָנרירן דעם הייליקן")... קלאָר, אַז קיינער האָט נישט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט לאַמפאַסן — און ר' בינעמל האָט אומגעשטערט געקענט זיך באַוועגן אויף דער באַני־פראַטערסקע, שעראָצע און לובאַרטאָווסקע.

דער סימן מובהק צו אידענטיפיצירן מיין טאַטן, איז געווען — נישט אַזוי דער נאָמען און ביינאָמען, נאָר „דער וואָס גייט תמיד ביי די ווענט, כדי נישט נכשל צו ווערן מיט כאַפן אַ בליק אויף אַ פרעמדער אשה".

אין שטאָט זענען אָפט געקומען בחורים וואָס האָבן באַדאַרפט אָנגענומען ווערן צום לערנען אין דער ישיבת חכמי לובלין. נישט אַלע זענען געווען מסוגל גלייך אַריינצוגיין אין דער ישיבה, נאָר באַדאַרפט פריער אַדורכמאַכן די געהעריקע צוגרייטונג. האָט ר' בינעמל גענומען אויף זיך די דאָזיקע אויפגאַבע פון צולערנען און עקזאַמינירן די קאַנדידאַטן. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט דאָס אַלץ געטאָן אָן באַלוינונג. זיין „אני מאמין" וועלכן עס האָט אָפט איבערגעחזרט פאַר אונדז קינדער, ווי פאַר אַנדערע, איז געווען:

— די וועלט איז אַ פרוזדור...

איך האָב תמיד באַוווּנדערט ביים טאַטן זיין רויִקייט, געלאַסנקייט, די שטרעבונג צו מידות טובות, זיין אָפזאָגן זיך פון גשמיות. אַ ייִד אַ למדן, אַ גרויסער קענער, ממש אַן עילוי. אַז צוויי ייִדן האָבן געהאַט צווישן זיך אַ סיכסוך, אַ מיינונג־פאַרשידנהייט, איז מען אַוועק צו ר' בינעמלען ער זאָל פסקענען. און ביידע צדדים זענען געווען טיף איבערצייגט, אַז דער פסק־דין וועט זיין אַן אויפריכטיקער, ערלעכער, אָן וועלכע ס'איז זייטיקע פניות.

ד

אין יאָר 1929 האָט דער ראַדזימינער רבי וואָס האָט געוווינט אין וואַרשע, פאַרגעלייגט דעם טאַטן צו קומען אין דער הויפטשטאָט, ווו ער זאָל שרייבן פאַר אים ספרים, וועלכע ער האָט געוואָלט אַרויסגעבן פאַר די צוקונפטיקע דורות, ווייל דער ראַדזימינער האָט נישט געהאַט קיין קינדער. ער האָט זיך איינגעשאַפט אַ שטיקל פאַרמעגן אין ארץ־ישראל: באָדן, פרדסים, און הייזער אין אַ מושב. בעצם, איז דעם רבינס פאָרשלאָג געווען, אַז דער טאַטע זאָל מיט דער משפחה אַריבערפאָרן קיין ארץ־ישראל און ווערן רב אין דעם מושב. אַז דער טאַטע האָט וועגן דעם דערציילט אין שטוב, נאָכן אומקערן זיך פון וואַרשע, האָט די מאַמע מיט פרייד אויסגערופן:

— אדרבה, לאָמיר פאָרן קיין ארץ־ישראל.

נאָר דער פאָטער האָט אָפגעהאַקט:

— וואָס? צו די גויים? חס ושלום! נאָר ווען משיח וועט קומען...

די ברייטהאַרציקייט און הכנסת־אורחים פון ראַדזימינער רבין האָט דערמעגלעכט בינעמל קאָצקער צו זיצן אין וואַרשע העכער 4 יאָר אין אַ באַזונדערן צימער און דאָרט אָנשרייבן צוויי ספרים:

א) וועגן טהרת משפחה. ב) אַ ספר פירושים.

(כ'וויל דאָ באַמערקן, אַז אַלע מיינע באַמיונגען אויסצוגעפינען נאָך דער מלחמה כאָטש איין עקזעמפלאַר פון די דערמאָנטע ספרים, האָבן זיך נישט איינגעגעבן).

אין דער תקופה וואָס דער טאַטע האָט געשריבן די ספרים אין וואַרשע, איז ער געקומען אַ היים, קיין לובלין, נאָר אויף פסח, יום־כיפור, סוכות און חנוכה. ראש השנה איז ביי אים געווען אַ מינהג צו פאָרן קיין ליזשענסק, צו דער יאָרצייט פון רבי אלימלך.

איך געדענק, אַז נאָכן ענדיקן דעם ערשטן ספר, ערב חנוכה, איז ער געקומען אַ היים, אָנגעטאָן אין אַ פוטערנעם מאַנטל מיט אַ ווידרע־קאָלנער, וועלכן ס'האָט אים געשאָנקען דער ראַדזימינער רבי. אין שטוב האָט דער טאַטע געפוצט בייטאָג דעם חנוכה־לאָמפ, צוגרייטנדיק אים צום אָנצינדן דאָס ערשטע ליכטל. און געטאָן האָט ער די דאָזיקע אַרבעט מיט אַזאַ קדושה, גלייך די שכינה וואָלט אויף אים גערוט. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אַריינקוקן אין אַ ספר וועגן הלכות חנוכה. דאָס פוטער איז געלעגן אויפן בעט. ס'איז אָבער נישט באַשערט געווען צו לאַנג צו פרייען זיך מיט דעם מלבוש, וואָס איז דעם טאַטן אַזוי שטאַרק צונוץ געקומען אין די ווינטער־טעג, ווייל אַלע יאָרן האָט ער נאָך אַלץ געטראָגן דעם פאַלטאָ פון דער חתונה. אין שטוב איז קיינער נישט געווען, אויסער ער אַליין. אָט באַווייזט זיך אויפן שוועל אַן אָרעמע פרוי און בעט אַ נדבה. דער טאַטע הייבט זיך אויף, קוקט דערביי אַוועק פון דער אשה און גייט צו דער שאַנק, ווו ער האָט געהאָפט צו געפונען אין כאַלאַטל עטלעכע גראָשן, וועלכע ער האָט שטענדיק געהאַלטן ביי זיך צו געבן אַן אָרעמאַן. די בעטלערין האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט — און אויף שנעל אַוועק מיטן טאַטנס פוטער, וואָס האָט אַוודאי אין אירע אויגן געהאַט אַ גרעסערן ווערט פון זיינע עטלעכע גראָשן וועלכע ער האָט פאַר איר אויסגעזוכט — אָבער שוין נישט געהאַט וועמען זיי צו געבן...

דער טאַטע האָט זיך אַפילו געוווּנדערט וואָס די פרוי איז אַזוי שנעל נעלם געוואָרן און ער האָט די נדבה געלאָזט ליגן אויפן טיש. ערשט ווער ער האָט זיך געקליבן גיין דאַווענען מנחה־מעריב און געוואָלט אָנטאָן דאָס פוטער — האָט זיך אַנטדעקט די גניבה. די מאַמע, וואָס איז נאָר וואָס געקומען אַ היים מיט אַ קיישל איינגעקויפטע פראָדוקטן לכבוד חנוכה, האָט זיך צעוויינט פון דער נייעס, אַז דער פוטער איז נעלם געוואָרן. בלויז דער טאַטע, מיט זיין שטילן טאָן, רופט זיך אָן, ווי דער שטייגער, אין דער דריטער פערזאָן, אויפן אַדרעס פון דער מאַמען:

— וואָס וויינט זי? אפשר האָט די דאָזיקע ייִדענע באַדאַרפט חתונה מאַכן אַ קינד — און דווקא איך בין געווען דער שליח מצווה? אַ ייִדישע פרוי גנבעט נישט סתם אַזוי. אַלץ איז מן השמים...

אַן ענלעכן מלמד זכות זיין האָב איך געהערט לגבי ברוך־שיע, וואָס האָט צוזאַמען מיט מיין קוזין, מאיר ברוך קאָצקערס געלערנט אין כהנ'ס בית־המדרש. מ'האָט דערציילט דעם טאַטן, אַז מ'האָט געזען חיים־שיע'ן גיין מיטן בלויזן קאָפ און אַז ער האָט אַפילו געגעסן נישט כשר פלייש. ר' בונימל האָט רעאַגירט אויף זיין שטייגער:

— חס ושלום, ס'איז אוממעגלעך, אַ ייִד וועט עסן חזיר און דערצו נאָך גיין מיטן בלויזן קאָפ?!...

ה

אין יאָר 1934 האָט דער טאַטע זיך אומגעקערט פון וואַרשע. אַזוי ווי די מאַמע איז געווען קראַנק און מ'האָט פאַרקויפט דאָס ביסל סחורה זי צו ראַטעווען, איז געוואָרן גאָר ביטער מיט פרנסה. מיר האָבן געמיינט, אַז גראָד איצט איז געקומען די ישועה, ווייל מ'האָט פאָרגעלייגט ר' בינעמלען ער זאָל ווערן מורה הוראה אין לובלינער ראַבינאַט — אָבער ער האָט אָפגעזאָגט, מיטן מאָטיוו, אַז בעת דין־תורה'ס וועט ער דאַרפן קוקן אויף פרעמדע פרויען...

די קהילה האָט אָנערקענט די דאָזיקע טענה און אים אַריינגעזעצט אין סוחרישן בית־המדרש צו פירן דין־תורה'ס צווישן קרעמערס און געשעפט־לייט אין פאַל פון אַ סיכסוך צווישן זיי. אַזוי ווי דאָס בית־המדרש האָט זיך געפונען אויף זשעלאָנע 5, איז דעם טאַטנס אויפגאַבע געווען אויך צו געבן אַ שיעור. דערפון האָבן מיר זיך מפרנס געווען אין יענער צייט.

נאָך אַ דערמאָנונג: אַ פרייטיקדיקער טאָג, דער זייגער ווייזט שוין צוועלף. די מאַמע ווענדעט זיך צו מיר:

— משה, זאָג דעם טאַטן אַז כ'האָב נישט מיט וואָס צו מאַכן שבת.

איך פיר איבער די דאָזיקע ידיעה צום טאַטן — און הער זיין ענטפער:

— זאָל זי זיך נישט זאָרגן, גאָט וועט שוין געבן...

נישט איין מאָל האָט פאַסירט, אַז פרייטיק־צו־נאַכטס האָט דער טאַטע געמאַכט

קידוש ביי אָפּגעצוקערטע טיי, צי איבער די חלות. אָבער ווער האָט זיך געקענט צו אים גלייכן מיט דער פרייד פון דער שבת־מלכה, ווען ער איז געקומען אַ היים פון דאַוונען אין כהנס בית־המדרש אויף טאַרגאַווע גאַס און מיט אַ צעשטראַלטן פּנים אויסגערופן מיט פרייד „שלום עליכם”. ווער שמועסט נאָך — זיין זינגען זמירות, זיין בענטשן, זיין כסדרדיק אויסטענהן זיך מיטן רבונו של עולם. אויך אין בית־המדרש, בעתן דאַוונען, האָט ער מיט ביידע הענט געהאַלטן דעם אָרון קודש און פון תפילה צו תפילה זיך דורכגעשמועסט מיט דעם וואָס אייביק לעבט...

ווי דערמאָנט, איז דער טאַטע געווען אַ גרויסער מכניס אורח. נישט איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז ווען דער אורח האָט פאַרלאָזט די שטוב, האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס בעט אין וועלכן ער איז געשלאָפן צוזאַמען מיטן טאַטן און מיר, איז געווען פאַראומרייניקט. די מאַמע, אַן אָפּגעהיטענע אין ריינקייט, האָט דערפון געהאַט פאַרדרוס. נאָר דער טאַטע האָט זי באַרויִקט, פאַרענטפערט — און כדי אויסצומיידן אַזעלכע געשעענישן, האָט ער פון צייט צו צייט געגעבן דעם אורח זיין אייגן העמד...

אונדזער דירה איז באַשטאַנען פון איין צימער, מיט אַ קיך, אויסגעשטאַט מיט אַ טיש און צוויי לאַנגע בענק, צוויי בעטן און אויף די ווענט — פּאָליצעס מיט ספרים, מיט וועלכע דער טאַטע האָט זייער אָפט זיך באַנוצט. אַזוי ווי אויף יעדן יום־טוב סוכות איז אונדזער גאַסט געווען בן־ציון אַפּטער, איז ער מיטן טאַטן געשלאָפן אין דער סוכה גאַנצע 8 נעכט. (וועגן דעם בן־ציון אַפּטער וואָלט זיך געלאָזט אָנשרייבן אַ גאַנץ בוך. איך וויל נאָר איצט אונטערשטרייכן, אַז ער האָט געוואָלט מקיים זיין די צוואה פון אומאַנער רבין, אַז אין פאַל מ׳וועט נישט קומען אויף זיין קבר — זאָל מען צו דער יאָרצייט פאָרן צום קבר פון חוזה פון לובלין. בן־ציון האָט אָפּגעהיטן די דאָזיקע צוואה. מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז ער אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד — און זיין ערשטער ציל איז געווען אָנצוקומען קיין אומאַן, אויפן קבר פון זיין געאַכטעטן רבין).

ו

מיר זענען געווען פיר קינדער אין שטוב. געבוירן האָט די מאַמע זעקס, נאָר צוויי זענען זייער יונג אַוועק פון דער וועלט. איך בין געווען דער ייִנגסטער. ווי דערמאָנט, בין איך אַלס קינד געשלאָפן מיטן טאַטן אין איין בעט. נאָר דעם אמת געזאָגט, בין איך אין רוב שעהן פון דער נאַכט, געווען איינער אַליין אינעם בעט. דער טאַטע האָט געפירט זיין לעבן ווי אַן אַסקעט. נאָכן אָפּריכטן חצות ביי אַ ספר, פלעגט ער איינשלאָפן אויפן טיש. מיטאָג האָט ער כמעט ניש געגעסן, אַלץ איבערגעלאָזט אויף וועטשערע. הגם אין די הייסע זומער־טעג איז דאָס עסן געוואָרן עטוואָס זויערלעך, נאָר ער האָט זיך דערמיט נישט איבערגענומען. בכלל זיך ווינציק געזאָרגט בנוגע דער אכילה, ממש נישט געוואָלט הנאה האָבן פון לעבן.

פון די פיר קינדער, זענען געווען צוויי טעכטער. פאַרשטענדלעך, אַז ס׳איז נישט געלעגן אָנגעגרייט פאַר זיי אַ נדן... איינע האָט אין עלטער פון 30 יאָר חתונה געהאַט קיין פּיוסק, מיט אַ בעל־הביתישן יונגערמאַן. די יונגערע שוועסטער, זייער אַ שיינע, איז געווען אַן אָנגעשטעלטע אין ווייצענפעלדס פּרוכטן־געשעפט אויף קראַקאָווסקיע־פּשעדמיעשטשע. ווייצענפעלד האָט „געבעטן די האַנט”, ווי מען דריקט זיך אויס, אין פאַל ווען עמיץ וויל חתונה האָבן, ביי דער שוועסטער. בינעמל קאָצקער איז אָבער געווען קאַטעגאָריש קעגן דעם שידוך. סטייטש ? זיין איידעם וועט זיין אַ ייד וואָס האַלט אָפן דאָס געשעפט אין שבת ? ! האָט דאָך דער טאַטע יעדן איינעם געפּרעדיקט מוסר אויסצומיידן חילול השבת. פרייטיק פאַרנאַכט, ווען דער טאַטע איז געגאַנגען דאַוונען, האָבן פּריזירערס געמוזט פאַרמאַכן זייערע אַנשטאַלטן, ווי אויך אַנדערע געשעפטן. נאָר דאָ האָט זיך אַריינגעמישט מיין פעטער ברוך קאָצקער, וואָס האָט איינגעטענהט מיטן טאַטן :

— בינעמל, ביסט אַ ייד אַן אָרעמאַן, טאָ זיי נישט קיין בעל־גאווה. ווערסט די וועלט נישט פאַרשטעלן מיט אַ לאָקשנברעט. דו האָסט נישט וואָס צו געבן — נישט אַנדערש, אַז ס׳איז מן השמים אַזאַ זיווג, די טאָכטער זאָל נישט פאַרזיצן.

ס׳האָט גענומען צייט, ביז דער טאַטע האָט זיך געלאָזט איבעררײדן, נאָר איידער מ׳האָט זיך געזעצט שרייבן תנאים, האָט ער ביי צדוק ווייצענפעלד גענומען תקיעת־כף, אַז ער וועט יעדן טאָג לייגן תפילין, פירן אַ כשרע שטוב און זיין ווייב (מיין שוועסטער) וועט נישט שטיין אין געשעפט אין די שבתים און יום־טובים. אָבער דאָס אַלץ האָט נישט באַפרייט דעם טאַטן פון כסדרדיקן קרעכצן און באַדויערן דעם דאָזיקן שידוך.

מיין ברודער צדוק איז געווען אַ בית־המדרש לערנער, אַ גרויסער עילוי. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון אַ מורה־הוראה. אָבער נאָך דעם ווי ער האָט זיך אומגעקערט פון מיליטער־דינסט אין דער פּוילישער אַרמיי, אין די צוואַנציקער יאָרן, איז זיי געבוירן געוואָרן אַ זון. אין מיליטער איז ביי צדוקן עפּעס קאַליע געוואָרן מיט זיין ייִדישקייט. ער איז געוואָרן פאַרגעשריטן און דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ר׳האָט אַפילו אָפּגע׳גט זיין פרוי. פאַרן טאַטן איז דאָס געווען אַ שווערער, פילבאַרער קלאַפּ. ער האָט נישט גערעדט מיטן זון גאַנצע 20 יאָר, נישט געקענט פאַרגעסן און מוחל זיין דעם גט.

ז

איך דערמאָן זיך איינע פון אַ סך עפּיזאָדן פון דער שפּעטערער תקופה, ווען כ׳בין שוין אַלט געווען 18 יאָר. אין שכנותדיקן הויף פון הערשעלע העכט האָט געוווינט אַ מיידל, מיט וועלכער כ׳האָב אָפּגערעדט זיך צו טרעפן נאָך דער לעווערטאָווער ראָגאַטקע, אַנטקעגן דער מיל. בעת אונדזער שפּאַציר, באַווייזט זיך אַ בחור, מיט וועמען איך האָב צוזאַמען געלערנט אין כהנס בית־המדרש. ביי מיר איז שוין נישט געווען קיין ספק, אַז פון דער באַגעגעניש וועט קיין גוטס נישט אַרויסקומען.

קומענדיק ביינאַכט אַהיים, פרעגט מיך דער טאַטע :

— וואָס ביסטו אַזוי רויט, פאַרשוויצט ? איך זאָג מוסר דער גאַנצער שטאָט — און מיין זון שלעפּט זיך גאָר אַרום מיט מיידן ?

— ווייסט דאָך, טאַטע, אין גאַס איז פינצטער, בין איך אויס מורא געלאָפן שנעל און זיך צעהיצט און פאַררויטלט.

— ניין, משה — זאָגט דער טאַטע, — אויך אין מורה נבוכים שרייבט, אַז יונגעלייט אין דיינע יאָרן דאַרפן אַרבעטן, לערנען, זיך וואַשן מיט קאַלט וואַסער, כדי נישט האָבן קיין זינדיקע מחשבות...

איך בין יענע נאַכט איינגעשלאָפן מיט אַ שווער געמיט און שלעכטן פאַרגעפיל. אין דער פרי, ווי נאָר כ׳האָב זיך איבערגעוועקט, האָט דער טאַטע מיר דערלאַנגט אויפן הינטערשטן מיטן צונויפגעלייגטן גאַרטל, אַז כ׳בין דערנאָך געלעגן אין בעט עטלעכע טעג. ווי נאָר ס׳איז מיר געוואָרן בעסער, בין איך אַנטלאָפן פון שטוב און אַוועק צו מיין שוועסטער אין דער וווינונג, אין רעגנבויגנס הויז אויף בראָוואַרנע־לובאַרטאָווסקע און דאָרט געווען אַ 3 וואָכן.

שפּעטער האָט איך זיך דערוווּסט, אַז די מאַמע האָט נישט איין מאָל געפרעגט דעם טאַטן :

— צו וואָס האָסטו דערפירט און וואָס מ׳שטיינס געזאָגט האָסטו דערגרייכט, אַז משה איז אַנטלאָפן פון דער היים. ער קאָן נאָך, חלילה, זיך שמדן...

מיין שוועסטער האָט מיך שטאַרק צוגערעדט זיך אומצוקערן אַ היים. „דו קענסט דאָך אונדזער טאַטן. אָט האָב איך אַ געוויסן שבת באַקומען פון אים צוויי פּעטש, ווען כ׳בין שוין געווען נאָך די תנאים, ווייל ער האָט אין מיין טאַש געהערט קלונגען געלט. איך בין דעמאָלט שוין אַלט געווען 24 יאָר, פון דעסטוועגן האָט דער טאַטע נאָך געהויבן אויף מיר אַ האַנט. ער האָט ליב זיינע קינדער, אָבער פאַר אַלעמען איז אים ליבער זיין אמונה, זיין גאָט — און דאָ איז ער נישט גרייט מוותר צו זיין”...

ח

איך בין צוריק אַוועק צו טאַטע־מאַמע און אַ חודש זינט דעם אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג, זענען מיר געווען צוזאַמען, ביז סוכות דעם 1־טן אָקטאָבער 1939, ווען די

teatrnn.pl

דייטשן זענען שוין געווען אין לובלין און מיר האָבן געוווּסט, אַז די רוסן ציִען זיך צוריק ביז צום טייך בוג, וואָס וועט זיין די גרענעץ צווישן דריטן רייך און דעם ראַטנפאַרבאַנד. די ערשטע „העלדישקייטן" וועלכן ס'האָבן אַרויסגעוויזן די דייטשן: שניידן די בערד ביי יידן. דער טאַטע איז צוליב דעם נישט אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, נישט געדאַוונט

דערזעענדיק ווי איך פאַרפּאַק אין אַ רוקזאַק אַ ביסל זאַכן, זאָגט מיר דער טאַטע:

— ווּ לאָזטו זיך צו זיין נע־ונד? ביסט קוים אַלט 20 יאָר, תמיד געווען מיט טאַטע־מאַמע, ווּ וועסטו זיך אַהינטאָן איינער אַליין?

— טאַטע, — זאָג איך צו אים, — דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז איך טאָר נישט בלייבן ביי די דייטשן.

מיר געזעגענען זיך. מיט אַ שווער האַרץ, אַ רוקזאַק אויף דער פּלייצע און מיט 20 זלאָטיס אין קעשענע, בין איך דורך פּיוסק און כעלעם אַוועק קיין רוסלאַנד, ווּ כ'האָב אַדורכגעמאַכט די מלחמה־יאָרן.

אומקערנדיק זיך קיין לובלין נאָך דער באַפרייונג, האָבן ניצול־געוואָרענע יידן מיר דערציילט, אַז בינעמל קאַצקער איז אומגעקומען אין קרעמפּיצער וואַלד, צוזאַמען מיט רבנים, ווען די היטלעריסטישע רוצחים האָבן אַריינגעוואָרפן אין אַ ברידער־קבר. דער ברודער צדוק איז אומגעקומען אין מיידאַן טאַטאַרסקי. מ'האָט אים דאָרט אויפגעהאָנגען דערפאַר, ווייל ער האָט צוריק געשלאָגן אַ ס. ס.־מאַן, וואָס האָט אים דערלאַנג אַ קלאַפּ.

ווי אַזוי און ווען די מאַמע און די שוועסטערן האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות — ווייס איך נישט. פון דער צעצווייגטער משפּחה פונעם קדוש בינעמל קאַצקער, וואָס האָט געציילט אַ הונדערט נפשות — בלויז אין לובלין — בין איך איינער געבליבן...

די לערערס רייכענשטיין ז״ל



נתן און הענדל רייכענשטיין

הדסה און שלמה רייכענשטיין

די משפּחה רייכענשטיין איז געווען באַקאַנט אין דער יידישער לובלין, ווי אַ משפּחה פון לערערס. נאָר איינער פון דער פאַמיליע, דער יונגערער זון איטשע (יצחק), איז געוואָרן אַן אַרבעטער, אַ זעצער. די מאַמע איז טאַקע נישט געווען צופרידן וואָס איר זון האָט זיך פאַרגלוסט צו ווערן אַ בעל־מלאכה, וואָס אין יענע צייטן איז עס באַטראַכט געוואָרן ווי „אַ פלעק אין דער משפּחה", אָבער זי האָט זיך געטרייסט דערמיט, וואָס ער האָט זיך פאָרט גענומען צו אַן „אינטעליגענט פאַך" — זעצער אין „לובלינער טאָגבלאַט".

אונדזערע עלטערן האָבן געפירט אַ פּריוואַטע שול פאַר מיידלעך, אונטערן נאָמען „בית ספר לחינוך", ווּ מ'האָט געלערנט העברעיש. בעת דער הערשאַפט פון צאַרישן רוסלאַנד איבער פּוילן, האָט מען דאָרט געלערנט, אין געהיים, אויך די פּוילישע שפּראַך. די הויפּט־לערערין איז געווען די טאָכטער הדסה. די שול האָט זיך געפונען אויף גראַדזקע 13. (דעם בעל־הבית פון הויז האָט מען גערופן ראובעלע שוסטער). שפּעטער האָט די שול זיך איבערגעטראָגן אויף דער 3טער מאַי גאַס 12, ווּ די משפּחה רייכענשטיין האָט געוווינט אין 2 צימערן, און די שול איז געפירט געוואָרן אין דריטן צימער.

ווען די עסטרייכער האָבן אָקופּירט לובלין אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז אין אונדזער וווינונג פאָרגעקומען די גרינדונג־פאַרזאַמלונג פון פּועלי־ציון, מיטן אָנטייל (און אויף דער איניציאַטיוו) פון אָפיציר פון דער עסטרייכישער אַרמיי, זעלינגער. אין דער וווינונג האָט מען אויך געפירט אָוונט־קורסן פאַר דערוואַקסענע חברים און סימפּאַטיקער פון דער ניי־געגרינדעטער פּאַרטיי. לערערין אויף די קורסן, אָן באַלוינונג, איז געווען הדסה.

אַ קורצע צייט האָט די שול זיך געפונען אויף רינעק 10. צום פאַרענדיקן דאָס שול־יאָר, האָט הדסה צוגעגרייט מיט די קינדער זייער געלונגענע פאָרשטעלונגען. כדי צו קאָנען צאָלן דירה־געלט און אויסהאַלטן די שול, איז דער לאָקאַל פאַרדונגען געוואָרן אויף די אָוונטן פאַר אַבראַמאָוויטשעס טאַנץ־שול.

מיטן פּוילנס אומאָפּהענגיקייט, נאָכן איינפירן דאָס אָבליגאַטאָרישע שול־געזעץ און אויפשטעלן די „פּאָווּשעכנע" (אַלגעמיינע) שולן, איז רייכענשטיינס שול געוואָרן פאַרמאַכט און אויף איר אָרט איז אַנטשטאַנען אַ פרעבל־שול, אָבער אויף אַ קורצער צייט. אין די שפּעטערע יאָרן, האָט דער פאָטער נתן רייכענשטיין זיך פאַרנומען מיט געבן, אין פּריוואַטע שטובן, לעקציעס פון העברעיש און לערנען דאַווענען יינגלעך און מיידלעך. דאָס האָט געקלעקט אויף אַן אָרעם, אָבער באַשיידן לעבן.

די היים פון די רייכענשטיינס איז געווען אַ יידיש־נאַציאָנאַלע. דער פאָטער ר' נתן האָט געהערט צו די חובבי־ציון. אין דער העברעיִשער אויסגאַבע „הניצנים" איז דערשינען זיינס אַ ליד „הכלבים", אונטערן פּסעוודאָנים נשר. די טאָכטער הדסה איז געווען קאָמיטעט־מיטגלידערין פון „החלוץ" נאָך אין יאָר 1921, ווען דער לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט זיך געפונען אויף פּיאַרסקע גאַס נומער 3. אונדזער וווינונג אויף קרולעווסקי נומ' 1 איז געווען דער טרעף־פּונקט פאַר אַזעלכע יוגנטלעכע ווי עמנואל בינדער, ווילקאָמירסקי, דער דענטיסט אַבצוג, דער לערער שפּיגלשטיין און אַנדערע. עס פלעגן אויך קומען די לערערינס פון די יידישע פאָלקס־שולן און די עיקרדיקע דיסקוסיע איז געווען אַרום דער פראַגע יידיש־העברעיש...

שפּעטער איז הדסה געוואָרן איינגעלאַדן קיין פּיוסק, ווּ זי האָט צוזאַמען מיט איייניקע ציוניסטישע טוערס אין שטעטל געשאַפן אַ יידישע שול, וועלכע האָט אָבער נישט לאַנג עקזיסטירט. אין אַ צייט אַרום האָט הדסה געענדיקט דעם מלוכהשן לערער־סעמינאַר אין לובלין און דער שול־אינספּעקטאָראַט האָט זי באַשטעטיקט אַלס לערערין אין אַ יידישער שול אין איזביצע, וועלכע איז דערנאָך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַלגעמיינער („פּאָווּשעכנע") שול פאַר פּוילישע און יידישע קינדער, ווּ הדסה האָט געלערנט ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. זי איז געווען באַליבט ביי דער יידישער און פּוילישער באַפעלקערונג אין איזביצע. אויף איר איניציאַטיוו זענען אַלע יידישע שילערס פון שטעטל זיך צונויפגעקומען אין די נאַציאָנאַלע יידישע יום־טובים אין דער שול ווּ זי האָט געלערנט און זי האָט דערציילט די קינדער די באַדייטונג פון יעדן יום־טוב. גאָר אימפּאָזאַנט איז אויסגעפאַלן די פייערונג לכבוד דער דערעפענונג פון העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים.

אויך די צווייטע טאָכטער, גרינטשע, איז געווען אַן אַנגעזעענע לערערין פון יידישער רעליגיע אין דער איזביצער שול.

דער עלטערער זון שלמה האָט געענדיקט שפּער'ס גימנאַזיע אין לובלין און זיך מפרנס געווען מיט געבן פּריוואַטע לעקציעס. דערנאָך זיך באַזעצט אין קראַסניסטאַוו, ווּ ער איז געווען רעליגיע־לערער אין די „פּאָווּשעכנע"־שולן אין קראַסניסטאַוו און אומגעגנט. מיטן אַנטשטיין פון די „תרבות"־שולן איז ביי די רייכענשטיינס שוואַכער געוואָרן מיט פּרנסה.

די עלטערן זענען אוועק קיין איזביצע, כדי זיין צוזאמען מיט בײדע טעכטער.

נאכן פארנעמען איזביצע דורך די דײטשן, איז די טאכטער גרינטשע, דער זון איטשע (בײדע אין ישראל) און שלמה אנטלאפן קיין ראטן־פארבאנד, ווו שלמה איז געשטארבן אין יאר 1941. די עלטערן און טאכטער הדסה זענען געבליבן אין איזביצע. דער פוילישער דירעקטאר פון דער שול האט אפילו פארגעלײגט הדסהן אז ער וועט זי איבערבאהאלטן, אבער זי האט נישט געוואלט איבערלאזן אויף הפקר די עלטערן. אלע האבן זיי געטײלט דעם ביטערן גורל פון יידן אין איזביצע, ווען מ'האט זיי טראנספארטירט קיין בעלזשעץ אין חודש מערץ 1942. עדי־ראיה האבן דערצײלט, אז ווען מ'האט געפירט די יידן צו דער איזביצער באן־סטאציע, איז הדסה מיט די עלטערן געגאנגען פאראויס און געטראגן אונטערן ארעם א ברייטל... מ'האט דאך פארזיכערט די יידן, אז מען פירט זיי אויף ארבעט.

אין אונדזערע הערצער וועט תמיד זיין אײנגעקריצט דער אנדענק פון די טײערע עלטערן, הענדל און נתן, די שוועסטער הדסה און ברודער שלמה. כבוד אײער אנדענק!

גרינטשע ראזענקראנץ, רמת־גן
יצחק רײכענשטײן, גבעתיים.

פאר וואס האט מען פון אונדז אוועקגענומען אלתר זאבערמאן?

אומגלויבלעך... איז עס אמת, אז את פאר דעם ארון, פאר וועלכן מיר שטײען, ליגט אונדזער טײערער אלתר? און איך, זיין יוגנט־חבר, דארף איבער אים מאכן א הספד?

שווער, זײער שווער מסכים צו זיין מיט דער טרויעריקער ווירקלעכקייט. איך קען נישט משלים זיין מיטן געדאנק, אז איך וועל רעדן צו אלתרן און ער וועט מיר נישט ענטפערן.

עס שרײט פון אונדז ארויס דער ביטערער ווייטיק נאך א מענטש, וועלכער איז געווען באליבט בײ די אלע, מיט וועלכע ער איז נאר געקומען אין בארירונג. מיט זיין באשײדנקייט און מיט זיין פשטות האט ער פארנומען אײנעם פון די ערשטע ערטער אין אונדזערע רײען. מיט זיין אוועקגײן פון אונדז, בלײבט א חלל, א וויסטע פוסטקייט...

את שטײ איך פאר דעם ארון און געזעגן זיך מיט דיר אין נאמען פון דיין גאנצער משפחה, פאר וועלכער איך געפין נישט קיין טרייסט־ווערטער; אין נאמען פון אלע ארגאניזאציעס און געזעלשאפטן, אין וועלכע ביסט געווען טעטיק, אין נאמען פון אלע דײנע חברים און פרײנד, וועלכע זענען געקומען אזוי צאלרײך באגלײטן דיך צו דיין אײביקער רו און אין נאמען פון גאנצן פאריזער קהל, וועלכער האט דיך געשעצט און געליבט.

ווען מיר זענען בײדע אלט געווען צוועלף יאר, זענען מיר ארײנגעטרעטן אין דער יוגנט־ארגאניזאציע פון „השומר הצעיר" אין לובלין; מיר זענען דעמאלט געווען צווײ נאענטע חברים, וועלכע עס האט געבונדן א בשותפותדיקייט אין דעם לעבנסשטײגער, וועלכן מיר האבן צוזאמען געפירט. מיט די יארן איז דער אידעאל פון ציוניזם און דער עיקר פון חלוציזם און ארבעטער־ציוניזם געווארן אונדזער אײנציקער ציל אין אונדזער לעבן און צוזאמען האבן מיר דעמאלט געחלומט וועגן שיבת ציון.

געווען איז עס אין יאר 1924. דער גורל האט געוואלט, אז אין די דרײסיקער יארן זאלן זיך אונדזערע וועגן צעגײן, אבער דער זעלבער גורל האט אויך געוואלט, אז נאך די טראגישע יארן, וועלכע מיר זענען אלע דורכגעגאנגען, זאלן מיר זיך אויפסניי צונויפטרעפן און ווידער האבן מיר זיך געפונען אין דער זעלבער ציוניסטישער ארבעטער־באוועגונג, מיט דעם אונטערשיד, אז דער טרוים פון די צוואנציקער יארן האט זיך רעאליזירט נאך דעם גרויסן חורבן, וועלכער האט געטראפן דאס יידישע פאלק — עס איז אויפגעשטאנען די יידישע מדינה.

אין די רײען פון דיין פארטיי האסטו אויסגעפונען דיין ריכטיקן פלאץ. און נישט קיין וואונדער וואס ביסט שנעל געברענגט געווארן צו דער אנפירונג.

מיין טײערער אלתר, ווען איך שטײ פאר דיין קבר, פארגעס איך נישט, אז עס קומט פאר דער ציוניסטישער קאנגרעס און דו ביסט געווען דער דעלעגאט צום קאנגרעס אין נאמען פון דער פראנצויזישער פארטיי. צווישן די 24 דעלעגאטן פון פראנקרייך צו דער העכסטער ציוניסטישער אינסטאנץ, ביסטו געווען אײנער פון זיי. אלע דײנע יארן האסטו געחלומט, פונקט ווי עס האבן וועגן דעם געחלומט אלע ציוניסטישע מנהיגים, צו זיין דעלעגאטן צום ציוניסטישן קאנגרעס. און ווען האסט שוין זוכה געווען צו דעם כבוד. האט דיך דער אומברחמנותדיקער טויט ארויסגעריסן פון אונדזערע רײען. מיר האבן דיך מיט קײנעם נישט פארטרעטן. דיין ארט איז געבלימן לײדיק, פונקט ווי לײדיק עס זענען אונדזערע הערצער.

אויב די פארטיי איז געווען זיין ערשט ארט פון פאליטישער און געזעלשאפטלעכער טעטיקייט, האט ער נישט פארגעסן, אז ער איז גלייך מיט מיר א קינד פון לובלין. די לובלינער געזעלשאפט האט א סך אים צו פארדאנקען. די לעצטע יארן איז ער דער פרעזידענט פון דער געז. „פאראייניקטע לובלינער". היות ווי זיין שטענדיקער כאראקטעריסטישער שריט איז געווען פון זיין א רודף־שלומניק, האט ער געוויײטיקט צוליב דעם פאקט, וואס עס זענען פאראן צווײ לובלינער געזעלשאפטן. און פארוואס דארפן מיר זיין געשפאלטן? האט ער געטענהט.

האט ער טאקע אלץ געטון דערצו, בכדי בײדע געזעלשאפטן, זאלן לכל הפחות פירן א געמײנזאמע טעטיקייט און אזוי ארום זענען היינט די לובלינער לאנדסלייט א ביז גאר וויכטיקער פאקטאר אין יידישן לעבן אין פראנקרייך.

דער פרעסטיזש און אנזען פון אלתרן האט געהאלטן אין איין וואקסן און יעדער גרעסערע אינסטיטוציע האט אים געוואלט האבן אין איר אנפירערשאפט. ווען די פרײנד פון „אונזער ווארט" האבן זיך צו אים געוואנדן מיטן פארשלאג צו ווערן א מיטגליד פון דער געזעלשאפט, האט ער גלייך געענטפערט פאזיטיוו, ווייל וואס קען דען זיין הייליקער ווי א יידישע צייטונג; האט טאקע לאנג נישט געדויערט און די געזעלשאפט האט אים געשטעלט אין איר שפיץ אלס גענ. סעקרעטאר פון פרײנט פון „אונזער ווארט".

אויך די פראנצויזישע צייטונג „לא טער רעטרוווע" האט גאדארפט האבן זיין הילף און ער האט איר די הילף נישט אפגעזאגט, ווערנדיק דער זשראנט פון דער וויכטיקער צייטונג אין דער פראנצויזישער שפראך.

און וואס קען ווייטער זיין נאטירלעכער, ווי זיין מיטארבעט אין דער אקציע פון פאראייניקטן אפיל? איז דאך זיין גאנצע אקטיוויטעט שטענדיק געווען קאנצענטרירט פאר ישראל. ער איז געווען מיטגליד אין דער עקזעקוטיווע פון פאראייניקטן אפיל. אבער באזונדער איז ער געווען אקטיוו אין דער פאלקס־אקציע פאר דעם פאראייניקטן אפיל, וואס ווערט ביזן היינטיקן טאג אנגעפירט דורך זיין ברודער יוסף, צו לאנגע יארן.

גאר באזונדערס וועלן דערפילן די פטירה פון אלתרן די יידישע שרײבער און יידישע מאלער, פאר וועלכע אלתר איז באמת געווען ווי אן אפוטרופוס; זיין שטוב איז געווען אפן פאר ליטערארישע צוזאמענטרעפן פון א הויכער מדרגה און דערמיט צוגעטראגן א גרויסן בײשטײער פאר דער אנטוויקלונג פון יידישן בוך און יידישער מאלעריי.

איך האב דערמאנט אלע דײנע מעלות. ־טראץ דעם וואס איך האב געזוכט, האב איך נישט געקענט בײ דיר געפונען א שלעכטע מידה. פאר אונדז אלע און פאר זיין גאנצער משפחה, איז ער געווען בלויז מעלות און דערפאר איז ער געווען אזוי באליבט. מיט זיין שטענדיקן שמייכל האט ער באצויבערט יעדן אײנעם וואס איז געקומען אין זיין בארירונג.

זיין לעבן איז געווען זיין פרוי און זײנע קינדער, זיין ברודער מיט די פאמיליעס און די געזעלשאפט. און פונקט ווי זיין משפחה וועט אים נישט פארגעסן, אזוי וועט אויך אים די געזעלשאפט נישט פארגעסן.

מרדכי לערמאן / פאריז

(גרעסערע אויסצוגן פון זיין הספד בײם אפענעם קבר פון אלתרן).

מיט בעריש קרעמפּעל אויף פאַרשיקונג

אין נומער 11 פון „לובלינער שטימע", וואָס איז צופעליק אָנגעקומען אויך צו מיר, האָב איך געטראָפן אַ מעלדונג, אַז אין נאָענסטן נומער וועט זיין געדרוקט אַ באַשרייבונג וועגן בעריש קרעמפּעל ז"ל, וואָס זיין זון האָט צוגעשיקט פון לאָנדאָן. אפשר וועט מיר דערלויבט זיין צוצוגעבן אַ פּאָר שורות, געווידמעט דער וווּנדערבאַרער פּערזענלעכקייט.

★

בעריש קרעמפּעל האָב איך באַקאַנט און געוווּנען אין נאָענטע באַציונגען אין דעם שרעקלעכן יאָר 1940—1941, נאָך איידער די היטלעריסטישע בעסטיע איז באַפאַלן סאָוויעט־רוסלאַנד. איך האָב וועגן בעריש קרעמפּעל געהערט נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווי איינער פון די מנהיגים פון „בונד" אין לובלין. זייענדיק אַליין פון קראַסניסטאַוו, האָב איך באַגעגנט בעריש קרעמפּעל מיט זיינעם אַ זון טאַדעק. מיט זיי צוזאַמען איז געוועזן זיין שוועסטער כלעע און איר מאַן אייזיק ראָזענבוש. פון דער „לובלינער שטימע" ווער איך געווויר, אַז אויך זיי ביידע זענען, ליידער, שוין נישטאָ צווישן די לעבעדיקע.

אין אויגוסט 1940 האָט די סאָוויעטישע נ.ק.וו.ד. אונדז פאַרפירט אין דאָרף מזאָס, וואָס איז געלעגן אויפן טייך מזאָס, אַ 500 קילאָמעטער פון דער שטאָט נאָוואָסיבירסק און אַ 100 קילאָמעטער פון דער שטאָט סטאַלינסק. דאָס דאָרף ליגט טיף אין דער טייגע פון סיביר. אונדזער אויפגאַבע איז געוועזן: אַרבעטן אין די וועלדער, אויסהאַקן די ביימער און זיי אָוועקשיקן מיטן טייך קיין אָמסק.

אין דעם דאָרף זענען געווען אַ פּאָר געציילטע רוסישע פאַמיליעס, בראש מיט אַ קאָמענדאַנט פון נ.ק.וו.ד., וואָס איז וואַרשיינלעך אויך געווען אַ פאַרשיקטער. מיר זענען געוואָרן אונטערגעוואָרפן דער הערשאַפט פון די רוסן. באַלד אויפן צווייטן טאָג נאָך אונדזער אָנקומען אַהין, האָט מען געפרעגט, ווער קען אַ ביסל רוסיש, האָט זיך אויפגעשטעלט אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, אָבער זייער גוט געבויט, וואָס האָט באַלד אויף יעדן איינעם געמאַכט אַ גוטן איינדרוק און געמאָלדן, אַז ער קאָן רוסיש. צומאָרגנס האָט מען אַלע מענער, פרויען, בחורים און מיידלעך פון 16 יאָר אָן, געשיקט אַרבעטן אין וואַלד. בעריש קרעמפּעל איז אַריין אַרבעטן אין קאַנטאָר ; פאַרשטענדלעך, אַז מען האָט אים מקנא געווען. באַלד האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז בעריש קרעמפּעל האָט זיך באַמיט, ווי ווייט מעגלעך, צו פאַרלייכטערן דעם גורל פון די יידן. ער האָט זיך נענטער באַפריינדעט מיט מיר און דורך מיר איבערגעגעבן וועגן די שטימונגען און מיינונגען פון דער נאַטשאַלסטווע וועגן די אַרבעטער אין וואַלד. די נאַטשאַלסטווע האָט נישט געקענט פאַרשטיין, אַז געוועזענע שניידערס און שוסטערס, אָדער טישלערס און געוועזענע סוחרים, וואָס האָבן קיין מאָל נישט געאַרבעט ביי אַזעלכע שווערע אַרבעטן, זענען נישט אימשטאַנד, ביי זייער בעסטן ווילן, אויסצופירן זייערע פּלענער און נאָרמעס. זיי האָבן דעריבער געמאַכט דעם אויספיר, אַז מען סאַבאָטירט די אַרבעט און דעריבער גענומען דריקן אויף בעריש קרעמפּעל ער זאָל זיי זאָגן, ווער זענען די סאַבאָטירערס. ער האָט זיך געפונען אין אַ שרעקלעכן קלעם און האָט פאַר מיר געוויינט מיט ביטערע טרערן פאַר וואָס ער האָט זיך געמאָלדן אַז ער קאָן רוסיש. ער האָט זיך באַמיט אויפצוקלערן, אַז די מענטשן זענען נישט צוגעוווינט צו אַזאַ שווערער אַרבעט, און דאָס איז די סיבה וואָס זיי מאַכן נישט די נאָרמעס, נאָר עס האָט נישט געהאָלפן. האָט ער זיך גענומען בעטן, מען זאָל אים שיקן אַרבעטן אין וואַלד, האָט מען אים דאָך געטאָן די „טובה" און געשיקט אין וואַלד. קרעמפּעל האָט אין דעם געפונען אַ דערלייזונג, הגם די דאָזיקע אַרבעט איז פאַר אים פּונקט ווי פאַר אונדז אַלע געווען אויסערגעוויינלעך שווער ; ער האָט אָבער געשיינט פון פרייד און ס'איז אים געווען ליב די שווערע אַרבעט, אַבי נישט זיין אונטערן דרוק פון דער נאַטשאַלסטווע.

צוזאַמען מיט אונדז אַלע, האָט בעריש קרעמפּעל געאַרבעט אין וואַלד ביז סעפּטעמבער 1941, ווען מיר זענען, לויטן אָפּמאַך פון דער פּוילישער עמיגראַציע־רעגירונג, מיט דער רעגירונג פון סאָוו. רוסלאַנד, באַפרייט געוואָרן פון די טורמעס און פאַרשיקונגען. מיר זענען זיך צעפאָרן אין פאַרשידענע געגנטן — און מער האָב איך בעריש קרעמפּעל ז"ל נישט געזען.

ערע זיין אָנדענק !

מרדכי פּוטערמאַן

צו דער פינפטער יאָרצייט נאָך ירחמיאל גאַרטענקראַט ז"ל

ערב יום־כיפור תשל"ט, האָבן אויפן בית־הקברות אין קרית־שאול זיך פאַרזאַמלט לובלינער יידן, ביים קבר פון אונדזער בן־עיר ירחמיאל גאַרטענקראַט, כדי זיך מתייחד זיין מיטן אָנדענק פון אַ וווילן ייד, וואָס איז נפטר געוואָרן אין ישראל מיט 5 יאָר צוריק.

די וואָס האָבן פּערזענלעך געקענט דעם נפטר ווייסן, אַז ס'איז נישטאָ קיין שום איבערטרייבונג אין דעם אויפשריפט אויף זיין מצבה : **תלמיד חכם, נקי כפיים ובר־לבב.**

אינעם טרויער־אַקט האָט זיך אויך באַטייליקט מאָטל גאַרטענקראַט, דער ברודער פון פאַרשטאָרבענעם, וואָס קומט יעדעס יאָר פון ניו־יאָרק, צו דער יאָרצייט פון ירחמיאלן ז"ל.

מספּיד געוועזן האָט דער רב און חזן אברהם סטאַוויסקי.

צום אָנדענק !

פון רעכטס: משה ווייסמאַן, מאָטל קערשענבערג, קלאַרווין. עס זיצט : אימשע שנור.

המעוניינים בהנצחת קרוביהם שניספו בשואה או שנפטרו — על־ידי תרומה לקרן המלגות של התאחדות עולי פולין — יפנו למוסד זה, דיזנגוף 158, תל־אביב.

לכבוד [illegible] יפה

העיר תל-אביב

רחוב [illegible] 20

במקרה של אי־מסירה,
נא להחזיר:
ארגון יוצאי לובלין
תל־אביב, דיזנגוף 158

ערב התייחדות עם קדושי לובלין

ביום השנה ה־36 לחיסול הגיטו על־ידי הרוצחים הגרמניים

יתקיים ביום שלישי 21.11.78 (כ״א חשון תשל״ט), בשעה 19.00 בבית המלין בתל־אביב, רח׳ וייצמן 30, ככר המדינה. (האולם יהיה פתוח משעה 18.00).

בתוכנית:

הדלקת ששת הנרות ע״י **ניצולי השואה**

„אל מלא רחמים״ ו„קדיש״ — החזן **יעקב סאמק**

על לובלין היהודית — **ישראל אייזנברג** מלוס אנג׳לס **ודוד שטוקפיש**

לזכור הנעדרים — **מתתיהו הורן**

יזכור — בביצוע **תלמידי כיתה י״א** של בי״ס תיכון ע״ש ליאו בק בחיפה (שאימץ את קהילת לובלין), בהדרכת המורה **רות ליפה**.

ארגון יוצאי לובלין בישראל • „בונד״ און „אַרבעטער-רינג״ אין ישראל

צו די שלושים נאָכן טויט פון אונדזער טרייען חבר און בן-עיר **לייבל פינקער** ז״ל
וועט דאָנערשטיק, דעם 18טן נאָוועמבער ה. י., 7 אָוונט, אין זאַל פון „אַרבעטער-רינג״
אין תל-אביב, קאַלישער-גאַס נומ׳ 48 — פאָרקומען **אַ טרויער-אָוונט**
צום אָנדענק פון פאַרשטאָרבענעם.

אונדזערע לאַנדסלייט ווערן געבעטן צו קומען צו דער צייט.

„קול לובלין״, מופיע פעם בשנה. המו״ל: ארגון יוצאי לובלין בישראל, ת״א, רח׳ דיזנגוף 158.

המערכת — רעדאַקציע: אפרים איינשטיין, צפורה דסקל-וייסלפיש, ד״ר אלחנן הורוויץ, מתתיהו הורן, עובדיה פעלד, שלמה שטאָקפיש, מאיר שילדקרויט. העורך — רעדאַקטאָר: דוד שטאָקפיש.

teatrnn.pl

יד ושם

ירושלים, הר הזיכרון
ת.ד. 84

אינסטיטוט צום אנדענק פון אומקום און גבורה
עדות־בלאט
צו רעגיסטרירן די קרבנות פון אומקום

1. פאמיליע־נאמען * (מיט יידישע אותיות) ______ (מיט לאטיינישע אותיות) ______

2. פארנאמען (פאמיליע־נאמען פאר דער חתונה) (מיט יידישע אותיות) ______ (מיט לאטיינישע אותיות) ______

3. געבורטס־דאטע

4. ארט און לאנד פון געבורט

5. נאמען פון פאטער

6. נאמען פון דער מוטער

7. נאמען פון מאן אדער פון פרוי און איר מיידלשע־פאמיליע

8. סטאבילער וואוינארט

9. וואוינערטער בעת דער מלחמה

10. ארט, צייט און אומשטענדן פון טויט

ב י ל ד

דאס געזעץ צום אנדענק פון אומקום און גבורה — יד־ושם, תשי״ג 1953

שטעלט פעסט אין פאראגראף נומער 2:

די אויפגאבע פון יד־ושם איז איינזאמלען אין היימלאנד דעם אנדענק פון אלע יידן, וואס זענען געפאלן, האבן זיך מוסר נפש געווען, געקעמפט און זיך קעגנגעשטעלט, דעם נאצישן שונא, און זיינע ארויסהעלפער, און שטעלן א דענקמאל זיי, די קהילות, די ארגאניזאציעס און אינסטיטוציעס, וועלכע זענען חרוב געווארן צוליב זייער אנגעהעריקייט צום יידישן פאלק.

(געזעץ־בוך נומער 132, י״ז אלול תשי״ג, 28.8.1953)

איך, דער אונטערגעשריבענער ______

וואס וואוינט (פולער אדרעס) ______

קרובישאפט ______

דערקלער דערמיט, אז די עדות וואס איך האב דא איבערגעגעבן, מיט אלע פרטים, איז א ריכטיקע לויט מיין בעסטען וויסן.

ארט און דאטע ______ אונטערשריפט ______

״...ונתתי להם בביתי ובחומותי יד ושם... אשר לא יכרת״ ישעיהו נ״ו ה׳

״...און זיי וועל איך געבן אין מיין הויז און אין מיינע מויערן אן אנדענק און א נאמען... וואס וועט ניט פארשניטן ווערן״ ישעיהו נ״ו ה׳

* ביטע אנשרייבן יעדן נאמען פון אומגעקומענעם אויף א באזונדער בלאט.

אל תבזבז זמנך
בעמידה בתור,
בצע תשלומיך ע״י העברה
מחשבון לחשבון,
פתח חשבון בבנק הדואר.

בנק הדואר

מחלקת הסילוקים

הודעת זיכוי № 205011 (1)

שולם לזכות (שם בעל החשבון): ארגון יוצאי לובלין בישראל	השבון בבנק הדואר מספר	4—27638—6 (2)
הסכום במלים	הסך	(3)
שולם ע״י:	מען המשלם:	

חותמת הדואר	האגרה שולמה	הודעת המשלם לבעל החשבון

[redacted]

בנק הדואר

מחלקת הסילוקים

קבלה מס' № 205011 (1)

שולם לזכות (שם בעל החשבון):	ארגון יוצאי לובלין בישראל	חשבון בבנק הדואר מספר (2) 4—27638—6
הסכום במלים		הסך (3)
שולם ע"י:	מען המשלם:	

הודעת המשלם לבעל החשבון

האגרה שולמה

אנא שמור על הקבלה

בכל מקרה פניה או בירור בקשר לתשלום זה

יש להציג קבלה זו

חותמת הדואר

מסמך זה ישמש קבלה רק לאחר הטבעת חותמת או הטבעת הקופה הרושמת של הדואר וחתימת הפקיד.

ב.ד. 104 8—0000/0